יודען געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײַנט 10 זײַטען

נייער פאלקסבלאט

№ 181	לאדז, זונטאג, י"ד מנחם אב תרצ"ג	עלפטער יאהרגאנג	Łódź, Niedziela, 6 sierpnia 1933 r.	№ 181

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

בלוטיגער קאמף אין שטראסבורג

צווישען פאליציי און שטרייקענדע ארבייטער

עטליכע פאליציאנטען און ארבייטער דערהרגעט געווארן

שטראסבורג, 5. (ספ. טעל.) דאָ קומט פאר אַ שטרייק פון בוי־אַרבייטער.

די אַרבייטער און אנגעשטעלטע פון די שטאָטישע טראַמווייען און אויטאבוסען האָבען אַדורכגעפיהרט אַ צווייטאָגיגען שטרייק אַלס אויסדרוק פון סימפּאַטיע, די שטרייקענדע בוי־אַרבייטער דער פערקעהר איז געווען פולשטענדיג אָפּגעשטעלט.

אויך די אַרבייטער פון דער עלעקטראַציע און גאַז־אַנגעשטעלטע זענען צוגעשטאַנען צום סימפּאַטיע־שטרייק. דער שטראָם איז אָבער נישט אָפּגעשטעלט געוואָרען. אויך אַנדערע אַרבייטער זענען צוגעשטאַנען צום שטרייק.

אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון די שטרייקענדע, וועלכע איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פאליציי. ס'איז פאָרגעקומען אַ מיטינג מיט דער באַטייליגונג פון 12 טויזענד אַרבייטער.

דער שטרייק ווערט אָנגעפיהרט פון אַלע פּראָפּ. פעראיינען — סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע און אומאָפּהענגיגע סינדיקאַטען.

דער שטרייק אין שטראַסבורג פערציהט זיך און ווערט פערשאַרפט. די צערשטאָג ביינאַכט האָבען די אַרבייטער אויסגעלאָשען די לאַמטערן אויף די גאַסען.

פאליציי איז באַלד אָנגעקומען און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאָרמעלע מלחמה צווישען די שטרייקענדע און פאליציי. אין אַ גאַנצער רייהע גאַסען האָבען די אַרבייטער אויפגעשטעלט באַריקאַדען, פון וואַנען מ'האָט באַשאָסען די פאליציי און זי באַוואָרפען מיט שטיינער. נאָך אַ 3־שעהדיגען קאַמף, נאָכ'ן אָנקומען פון פאליציייאישע פערשטאַרקונג, זענען די באַריקאַדען פערנומען געוואָרען דורך דער פאליציי.

בשעת די קאַמפען זענען 3 פאליציאַנטען געוואָרען דערהרגעט און 5 זענען אין אַ שטערבליכען צושטאַנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל. די צאָהל קרבנות צווישען די אַרבייטער איז אַ בעדייטענדע.

די צאָהל שטרייקענדע אַרבייטער בעטרעפט שוין איבער 30,000.

פּאַריז, 5. (ספ. טעל.) דער שטרייק אין שטראַסבורג האָט זיך פלוצלונג פערשאַרפט.

אויף דעם פּלאַץ פון דער אַרבייטס בערזע איז געכטען פאָרגעקומען אַ מיטינג. נאָכ'ן מיטינג האָבען די אַרבייטער געפּרובט אַריינמאַרשירען אין צענטער שטאָט. פו קאַיבערגעדרייטע אויטאָס האָבען זיי געמאַכט אַ באַריקאַדע און געשאָסען צו דער פאליציי. מען האָט אויך געוואָרפען אַ באָמבע, וועלכע האָט נישט אויסגעשאָסען.

אַרום 10 אַזייגער האָבען די שטרייקענדע אויסגעלאָשען אַלע לאַמטערנס אין די גאַסען, זיי האָבען פערהאַלטען די אויטאָס און די שאָפערען געהייסען אַהיימגיין.

פאליציי איז גרעפּסטעניז, אַרויס אין שטאָט. די אַרבייטער אויסנוצענדיג דעם פאַקט, וואָס ס'איז געווארען פינסטער, פערוואונדעט מיט מעסערס און רעוואָלווערען עטליכע פאליציאַנטען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אין פערשיידענע פונקטען פון שטאָט אויפגעשטעלט באַריקאַדען, וועלכע די פאליציי האָט איינע נאָך דער אַנדערער געמוזט דעראָבערען. אין צענטער פון שטאָט האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געהערט דאָס פאַלען פון אויטאָמאַטישע שיסען.

די צאָהל פערוואונדעטע בעטרעפט 35.

אויסטויש פון פאליטיש־אַרעסטירטע

צווישען פוילען און ליטע

וואַרשא, 5. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער פּוילישער רויטער קרייץ האָט אַרויסגעשיקט צום אינטער־נאַציאָנאַלען רויטען־קרייץ קיין גענף אַ בריף וועגען אויסטוישען פאליטישע אַרעסטירטע צווישען ליטע און פּוילען, די ליטע בעהמט אַרום 39 נעמען.

אַ הערציגען פּאָהר = געזונד אונזער חבר

חנוך ליסאָגורסקי

צו זיין אָפּפאָהרען הײַנט, 1 אַ זייגער מיטאָג פון דער קאַלישער באַהן נאָך ארץ־ישראל, ווינשען

יצקב רעדער און פרוי

מרדכי איזשביצקי, משה יאַסקאָוויטש

ליבוש קליינבערג, הערש בערוך

ישעי' שטאַלמאַן, משה נירענבערג.

אויפפאָדערונג.

מיר, די ניי=געוועהלטע פערוואַלטונג פון סעקציע אלט=וואַרג=שוסטער ביי דעם צענטראַלען קליינהענדלער=פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15 פאָדערען אויף דעם געוו. פרעזעס שמואל גאָלדמאַן און דעם קאַסירער, אז זיי זאָלען אין משך פון 24 שעה, ביז מאָנטאַג דעם 7 אויגוסט צושטעלען די קאַסע=ביכער מיט די וועקסלען אין פעראיין פּאָמאָרסקאַ 15, אין פאַל יוען זיי וועלען דאָס נישט טון נעהמען מיר אָפּ פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קאָנסעקווענצען.

קאַוועבלום, האָפּענבערג, גאָלדשטיין,

בינם אבראַמאָוויטש, פּאַרענצעוויטש.

DOM EKSPEDYCYJNY

R. SOBOL, Łódź

Piotrkowska 6, tel. 153-96. Rok założ. 1918

מאַכט בעקאַנט, אַז פון 15. יוני ד. י. איז ערעפענט געוואָרען

אַ ספּעצ. מאַגאַזין צו לאַגערען סחורות

דער מאַגאַזין, וועלכער געפינט זיך אין סאַמע צענטער שטאָט (פּיעטריקאָווער 6) איז אַסעקורירט פון פייער און גנבה. ס'קען אויך זיין ספּעציעלע צימערן. ס'ווערט געעפענט אַ ספּעציעלע שפּייז=אָבטיילונג און צום אויסזאַק'ן.

דער ניי־געעפענטער מאַגאַזין איז פערזעהען מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען, ווי: קראַפּט=ווינדע, לאַסט=אויטאָ'ס און פּלאַטפאָרמעס, מיט וועלכע די סחורה ווערט אויפ'ן פּערלאַנג אָפּגענומען און אָפּגעשיקט צו די געעהרטע קליענטען — די פּרייזען זענען זעהר מעסיגע. גענויערע אינפאָרמאַציעס אויפן אָרט טעגליך פון 5—7 אוו.

הנהלות הגמנסיות

ובתי=הספר העממיים

של החברה ליסוד בתי=ספר עברים בלודז

מודיעות, כי הלשכות של

הגמנסיה הראשונה לנערים,

רחוב מגיסטרצקה 21, טלפון 134-11

הגמנסיה השניה לנערים,

רחוב מגיסטרצקה 22, טלפון 134-12

הגמנסיה לנערות,

רחוב פירמוביץ 6, טלפון 127-95

מקבלות בשעות העבודה, משעה 10 עד 14, הרשמות אל הגמנסיות ואל כל המחלקות של בתי-הספר העממיים.

אל המחלקה הראשונה של בית-הספר העממי (עד עכשו מכינה א) מתקבלים ילדים שמלאו להם שש שנים.

שכר הלמוד לשנת הלמודים תרצ"ג—צ"ד הוזל.

מתחלת שנת הלמודים יפתח ע"י החברה

גן ילדים מודרני באולם רחוב שנקביטש 26.

ההרשמות לגן הילדים מתקבלות ע"י הלשכה של הגמנסיה לנערות, פירמוביץ 6.

4031

טוריסטען-ביורא ביי „תוצרת ארץ־ישראל“

אונטער דער לייטונג פון לאָווניק יאָעל און ד"ר סארנע מאַכט בעקאַנט, אַז די נאָהענטסטע

עקסקורסיע קיין ארץ=ישראל

געהט אָפּ בעשטימט אין חודש שעפּטעמבער. איינשרייבונגען און אַלע אָרט אינפאָרמאַציעס וועגען ארץ־ישראל־ענינים, בעזונדערס וועגען באַגאַזש, ערטיילט דאָס ביוראָ טעגליך פון 11—1 און פון 5—7 נאָכמ. אין „תוצרת-הארץ“, שרודמיעיסקאַ 3.

אַכטונג עקסקורסאַנטען! איילט ווייל די צאָל ערטער איז בעגרענעצט!

אנאנסן

— אין —

נייעם פאלקסבלאט

האָבען דעם

גרעסטען ערפאָלג.

מאַשין - מצות

געבאַקען יעדען טאָג פרישע און דינע,

מצה=מעהל אויך ווי סוכאַרקעס

לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם, ווי אויך

פריהשטיקען,

יאַרסקע מיטאַגען

און אַוועגדברויטען

עמפּפעהלט די בעקאַנטע צוקערניע

N. Weinberg

פּיעטריקאָווער 38

טעל. 82-143

פערהעלטנעסמע פרייזען

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס ה'

הערש ליבערמאַן און פאַמיליע

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער

פרוי נ"ע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

העניך הערצבערג

לאדז, פּיעטריקאָווער 62.

7 קלאַסיגע לעהר=אַנשטאַלט

„תחכמוני“

אין לאדז, שיענקיעוויטשא 3.

די לייטונג פון תחכמוני" מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען פון נייע שילער ווערען אָנגענומען אין אַלע קלאַסען ווי אויך פאַר ענטוויקעלטע קינדער פון 5 יאָהר אין A^0 (פּאָרבערייטונגס-קלאַס).

די אַלע פאָרמאַליטעטען מיט דער שול-מאַכט ערלעדיגט די קאַנצעלאַריע פון שולע טעגליך פון 10 ביז 12 און פון 5 ביז 7 אָוונד.

אכטונג עלטערן!

דער „תחכמוני" צייכענט זיך אויס מיט זיין זאָרגפעלטיגער יודישער ערציהונג פון קינד.

דער „תחכמוני" האָט בעוויזען אין משך פון זיין ערשטען יאָהר פון זיין עקזיסטענץ אויסצופיהרען דעם ברייטען פּראָגראַם פון למודי-קדש און למודי-חול צו דער גרעסטער צופרידענהייט פון דער לייטונג און עלטערן. 9266

גאָלד, בריליאַנטען פאַר

גאָלד, ביזשוטעריע

און לאָמבאַרד- קוויטען

צאָהלט די העכסטע פּרייזען

איזידאָר פּיאַלקאַ

פּיעטריקאָווער 7.

הילפס-פּאָליציי אין עסטרייך צו בעקעמפען דעם היטלעריזם

בערלין, 5. (ספּ. טעל.) קאַנצלער דאָלפוס האָט זיך געווענדעט צו דער פראַנצויזישער רעגירונג וועגען שאַפען אין עסטרייך אַ ספּעציעלע הילפס פּאָליציי פון 18 טויזענד מענשען, וועלכע זאָל האָבען פאַר אַן אויפגאַבע צו בעקעמפען דעם היטלעריזם, די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיך פערשטענדיגט מיט ענגלאַנד און דער קליינער קאָאַליציע, זעהט אויס, אַז דער פּראָיעקט זאָל פערווירקליכט ווערען.

די דייטשע בעוואָפענען זיך
ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלען אינטערווענירען

לאָנדאָן, 5 (ספּ. טעל.) „דיילי העראַלד" ברענגט ווייטערדיגע סענזאַציאָנעלע ידיעות וועגען דער דייטשער בעוואָפנונג.

די היינטיגע אזוי-גערופענע ארבייטס-לאַגערען אין דייטשלאַנד — שרייבט די צייטונג זענען אָרגאַניזירט אויף אַ מיליטערישען אופן און אפילו די שילער פון די דייטשע מיטעלשולען מאַכען איבונגען מיט פּולעמיאָטען, „אייראָפּע — שרייבט די צייטונג, מוזען איבעריהאַקען די דאָזיגע מכה".

לאָנדאָן, 5 (ספּ. טעל.) אַ טייל צייטונגען האָבען מיטגעטיילט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיך געווענדעט צו ענגלאַנד מיט דער פאָדערונג פון אַ שותפות'דיגער אינטערווענץ וועגען דער לופט-בעוואָפנונג פון דייטשלאַנד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיגער ידיעה איז פערעפענטליכט געוואָרען פאָלגענדער קאָמוניקאַט: „קיין שום אַזאַ פאָדערונג איז נישט געשטעלט געוואָרען דורך דער פראַנצויזישער רעגירונג. די פראַגע פון די דייטשע בעוואָפנונגען איז איצט געוואָרען נאָך מעהר אקטועל צוליב צוויי פאַלען, וואָס די דייטשען ווילען אויסנוצען צו זייער בעוואָפנונג.

דייטשע רעגירונג פעראָרדענט צו אַרעסטירען
דעם דעפּ. ווישליצקי און רעד. טורקאָוו

וואַרשאַ, 5. (ט"א טעלעגראַפיש) די דייטשע רעגירונג האָט בעפוילען צו אַרעסטירען דעפּ. ווישליצקי און רעד. טורקאָוו, אויב זיי וועלען אַדורכפאָהרען דורך דייטשלאַנד צוריק פון דעם אַמסטערדאַמער קאָנפערענץ.

דערווייל איז פרייטאָג דורכגעפאָהרען דורך דייטשלאַנד דער לאָדזשער יוד יוזעף ווישליצקי, מ'האָט איהם פערהאַלטען, איהם פערזענליך רעווידירט און גענוי אַדורכגעקוקט זיינע דאָקומענטען, וועלכע זענען אָבער געווען אין אָרדנונג.

לעבע געפינט זיך אין קאָנצענטראַציע-לאַגער
הוצפה'דיגער קאָמוניקאַט פון די היטלעריסטען

בערלין, 5. (ספּ. טעל.) אין צוזאַמענהאַנג מיט די עקשנות'דיגע קלאַגען, וועלכע האָבען זיך פערשפּרייט אין דער אויסלענדישער פּרעסע וועגען דעם בלוטיגען ערמאָרדען פון געוו. ריכסטאָג-פּרעזידענט לעבע, האָט די האַלב-אָפיציעלע קאָנטי-ביוראָ פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכען ס'ווערט געזאָגט: אין די לעצטע טעג האָט זיך אין דער אויסלענדישער פּרעסע בעוויזען די ידיעה, אַז דער געוו. פיהרער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע לעבע איז געפאַלען אַ קרבן פון אַ פּאָליטישען מאָרד, וועלכער איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די היטלעריסטען, כדי צו מאַכען אַ סוף צו דער דאָזיגער „גרויל-פּראָפּאַגאַנדע" ווערט מיטגעטיילט, אַז לעבע איז דעם 28. יולי אַריינגעזעצט געוואָרען אין קאָנצענטראַציאָנס-לאַגער אין ברעסלוי, וואו ער געפינט זיך ביז היינט. ער איז אַריינגעזעצט געוואָרען, כדי זיך אַליין צו איבערציינען, אַז אין לאַגערן בעהאַנדעלט מען גאָר נישט אַזוי שלעכט די אַרעסטירטע, ווי לעבע האָט דאָס פערשפּרייט אין אויסלאַנד.

ווייטערדיגע אקציע פון די לאָקאַטאָרען-פעראיינען
וועגען ביליגער מאַכען דירה-געלד און וועגען אָפּשטעלען עקסמיסיעס

לעמבערג 5. (דורכן טעלעפאָן)

די טעג האָט דער היגער לאָקאַטאָרען פעריין צוגעשיקט אין פּרעזידיום פון מיניסטאָרען ראַט אַ מעמאָריאַל, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די שווערע לאַגע פון גרעסטען טייל לעמבערגער לאָקאַטאָרען, וועלכע זענען אין דער איצטיגער צייט דורכאויס נישט אימשטאַנד צו צאָהלען דאָס הויכע דירה געלד. טויזענדער לאָקאַטאָרען זענען איבערגעגעבען אין די געריכטען און עס דראָהט זיי אַרויסגעוואָרפען צו ווערען פון די דירות. דער לאָקאַטאָרען פעראיין פאָדערט דעריבער, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסגעבען אַ דעקרעט וועגען אַ געהעריגער פערקלענערונג פון איצטיגען דירה געלד און אַ לענגערען מאָראַטאָריום אויף די חובות, וואָס די לאָקאַטאָרען זענען שולדיג די הויזווירטען.

די היגע הויזווירטען האָבען רעאַגירט אויפ'ן דערמאָנטען מעמאָריאַל מיט אַ... זשעסט. זייער פאָרשטעהער ד"ר וועסטרייך האָט ערקלערט, אַז די לעמבערגער הויזווירטען זענען גרייט צו פערקלענערן דאָס דירה געלד אויף 25 פּראָצענט און אָבלייגען די חובות, וואָס די לאָקאַטאָרען זענען שולדיג אויף 10 יאָהר. זיי שטעלען אָבער אַרויס איין בעדינג, אַז אויך זיי זאָלען בעקומען אַ מאָראַטאָריום אויף אַ צייט פון 10 יאָהר אויף די היפּאָטעקען חובות און אויף די שטייערען, וואָס זיי זענען שולדיג דער רעגירונג.

ווי מען זעהט, זענען די לעמבערגער הויזווירטען נישט קיין נאַראָנים. זיי זענען גרייט צו פערקלענערן דאָס דירה געלד, אָבער זיי זאָל גאָר נישט קאָסטען, פאַרקערט, זיי ווילען נאָך פון דעם עסק פערדינען.

אַט אַזעלכע „גוטע" הערצער האָבען עס די לעמבערגער הויזווירטען!

* * *

וואַרשאַ 5 (טעלעפאָניש) דער צענטראַלער לאָקאַטאָרען פעראיין האָט איבערגעגעבען דער רעגירונג אַ מעמאָריאַל וועגען פערלענגערען די פעראָרדנונג מכח אָבשטעלען די עקסמיסיעס אויף 1 און 2-צימערדיגע וואוינונגען.

Dr. med.
L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
אַלע אַרט אַנאַליזען.
נעמט אָן פון 8—11 און 4—8 אָוו. זונטאָג פון 9—1 בייטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — האַלבע-פּרייזען.

לעגיאָניסטען-פייערונג אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 5. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) 8 אַ זייגער אין אָוונד איז אין פּאַלאַץ „שטאַשיץ" פאָרגעקומען אַ גרויסע פייערונג. ס'זענען געקומען דער פּרעמיער יענדזשעיעוויטש, פאָרשטעהער פון סיים און סענאַט, גענעראַליטעט און הויכע מיליטער-בעאַמטע. ביים פּרעזידיום-טיש האָט זיך געפונען דער פּרעזעס פון העכסטען געריכט זשימאָווסקי, וויצע-מאַרשאַלעק צאַר, גענ. גורעצקי, קאָדזשען-באַגדראַנאָווסקי און אַנדערע.

8 אַ זייגער איז אין זאַל אַריינגעקומען דער מלוכה-פּרעזידענט, פּרעמיער יענדזשעיעוויטש און דירעקטאָר זשימאָווסקי האָבען אַרומגערעדט די ראָל פון די לעגיאָנען.

דעפּ. מיעדזשינסקי האָט גערעדט וועגען דער ראָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי אין די לעגיאָנען.

גאַנדהי פערמשפּט אויף אַ יאָהר תפיסה
באָיקאָט אויף ענגלישע סחורות אין אינדיע?

פּונאַ, 5. (ספּ. טעל.) גאַנדהי איז היינט אין דער פריה אַרויסגעלאָזט געוואָרען פון תפיסה. מען האָט איהם אָבער באַלד ווידער אַרעסטירט.

די רעגירונג האָט פון איהם פערלאַנגט אַ פערפליכטונג, אַז ער וועט בלייבען אין פּונאַ און זיך נישט מישען אין פּאָליטישען לעבען. גאַנדהי האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט צו געבען אַזאַ דערקלערונג און מען האָט איהם צוריק אַרעסטירט.

סימלאַ, 5. (ספּ. טעל.) די ענגלישע מיליטערישע עראָפּלאַנען האָבען נעכטען באָמבאַרדירט צוויי מאָל דעם ישוב קאַטקאַי און פערניכטעט כמעט אַלע וואוין-ערטער.

פּונאַ, 5. (ספּ. טעל.) גאַנדי, וועלכער איז אויפסניי אַרעסטירט געוואָרען, איז פערמשפּט געוואָרען אויף 12 חדשים תפיסה.

באָמביי, 5. (ספּ. טעל.) אַ גרופּע מאַניפעסטאַנטען האָט היינט דעמאָנסטרירט פאַר די קראָמען פון ענגלישע סחורות. טייל דעמאָנסטראַנטען זענען אַנגעפאַלען אויף די קראָמען און חרוב געמאַכט די שויפענסטער. זיי האָבען אויך געוואָרפען פלוג בלעטער, וואָס רופען צו באָיקאָטירען ענגלישע סחורות, 9 דעמאָנסטראַנטען זענען אַרעסטירט געוואָרען.

די יודען אין דייטשען אויבערשלעזיען
און די נייע בירגערשאַפטס-געזעצען

בערלין (י.ט.א.) די פראַגע פון די יודישע רעכט אין דייטשען אויבערשלעזיען האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט אויף דעם פאָדערגרונד אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע בירגערשאַפטס-געזעצען, וועלכע נעמען צו ביי די דייטשע יודען זייערע בירגער-רעכט. די אָפיציעלע רעגירונגס-ערקלערונג לויטעט, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען וועלען נישט ליידען פון די נייע בירגערשאַפטס-געזעצען. עס איז אָבער אַ פראַגע, צי וועלען די יודען אין אויבערשלעזיען בעטראַכט ווערען פאַר אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

דער דאָזיגער ענין, וואָס איז ענג פערבונדען מיט דייטשלאַנד'ס אינטערנאַציאָנאַלע פערפליכטונגען, רופט אַרויס גרויס אינטערעס אין די פּוילישע דיפּלאָמאַטישע קרייזען אין דייטשלאַנד, ווייל לויט דער דייטש-פּוילישער קאָנווענץ וועגען אויבערשלעזיען טאָרען די רעכט פון אַלע מינדערהייטען אין אויבערשלעזיען, דערונטער אויך פון די יודען, נישט בעראויבט ווערען.

צוזאַמענפאָהר פון יודישע סטודענטען אין לאָנדאָן

לאָנדאָן, (י.ט.א. טעלעגראַפיש).

דאָ איז געעפענט געוואָרען דער צוזאַמענפאָהר פון יודישע סטודענטען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

אַ בעגריסונג האָט צוגעשיקט פּראָפ. איינשטיין. ס'האָבען גערעדט פּראָפ. בראָדעצקי, בערענצוויג, פיר קאָרטען א. א.

עספּעראַנטאָ-צוזאַמענפאָהר אין קעלן
געליטען אַ פולשטענדיגען דורכפאַל

קעלן, 5. (ספּ. טעל.) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט איז דער הייאָהריגער וועלט-צוזאַמענפאָהר פון די עספּעראַנטיסטען נאָר אַ פיקציע פון אַ צוזאַמענפאָהר, ווייל אַ גאַנצע רייה לענדער ובתוכם אויך פּוילען נעהמען נישט אַנטייל אין איהם, האַלטענדיג אַז אַזאַ מאַניפעסטאַציע האָט נישט געהאָרפט פאָרקומען אין בלוטיגען היטלער-לאַנד. צום צוזאַמענפאָהר איז אויך נישט געקומען דער פּרעזעס פון עספּעראַנטישען צענטראַל-קאָמיטעט זשאַן מערשענס און אַ גאַנצע רייה אַנדערע אָנפיהרער פון דער בעוועגונג.

DR. MED.
A. TOCHTERMAN
PRZEPROWADZIŁ SIĘ na
ul. Al. Kościuszki 60.

אַ עקסקורסיע קיין פּראַג צום 18 ציוניסט. קאָנגרעס
אָפּפאָהר דעם 18 ד. ח.
איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 10 – 1 און 4 – 7 אָוונד אין „תוצרת ארץ-ישראל"
3 שרודמיעסקאַ .3 4049

Dr. R.
Zalcwasser
CHIRURG — כירורג
ציגעל-גאַס 19, טעל. 125-17
נעהמט אָן פון 1–2 בייטאָג און פון 4–7 נאָכמ.

אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פּיעטריקאָווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אָן שטענדיגע אויגען-קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אָוונד.

לעבער אויף דער **מאַשין**
ווערען אָנגענומען אויסצוגייען ביי
ג. נאָרדמאַן, שרודמיעסקאַ 8

Dr.
Wajnberg
ספּעצ. פון לונגען, האַרץ און סקלעראָז-קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9–10 פריה, 3–4, 8–9 אָוו.

ווילכטיג פאַר דער אָרימער לאָדזשער בעפעלקערונג
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז ס'איז ערעפענט געוואָרען דאָס
אַמבולאַטאָריום
ביים פעראיין **„מלבוש ערומים"**
שענקיעוויטשאַ 3/5,
וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן אָרט. שיקט אויך אַרויס דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען מיט וויזיטען אַהיים.
נעהמט אויך אָן געבורטען און אַלע אַרט אַנאַליזען. מינימאַלע אָבצאָהלונגען.
די פערוואַלטונג.

די נייעסטע מאָדעלען פון **זומער-שיך**
און פלעציאַנקעס
אין אַ רייכע אויסוואַהל עמפּפעהלט
A. Ogórek
11 ZAWADZKA 11.

אַדוואָקאַט גרוזענבערג'ס בריף

וועגען די קלאַנגען, אַז ער וועט פערטיידיגען סטאַווסקי'ן

אַדוואָקאַט א. גרוזענבערג האָט אָפּגעדרוקט אין „פּאַריזער הײַנט" פאָלגענדען בריף:

חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר!

מען גיט מיר צו וויסען, אַז אין יודישע צײַטונגען פון פּוילען איז אָפּגעדרוקט אַ מיטטיילונג אַז איך זאָל כלומרשט זיך שטעלען בראש פון אַנ'אָרגאַניזאַציע צו פערטיידיגען סטאַווסקי'ן, וועלכען מען איז חושד אין ערמאָרדען ד"ר אַרלאָזאָראָוו.

די דאָזיגע ידיעה איז פאַלש און איך פערשטעה נישט וועמען איז נויטיג געווען אַרײַנצובריינגען אין אַ פּערפּיהרונג די צײַטונגען און דורך זיי די געזעלשאַפט.

אמת איז בלויז דאָס, אַז מיט צוויי וואָכען צוריק האָב איך בעקומען אַ בריף פון דעם דורך מיר געעהרטען ד"ר ז. טיאָמקין, אין וועלכען ער בעט מיך צו שטעלען זיך בראש פון אַנ'אָרגאַניזאַציע פאַר דער פערטיידיגונג פון סטאַווסקי'ן. מיט אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָב איך בעקומען אַ בריף מיט אַ זעלבען אינהאַלט אויך פון וו. זשאַבאָטינסקי.

איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך האַלט זיך נישט פאַר בערעכטיגט זיך צו שטעלען בראש פון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע איבער דער זאַך. כל זמן איך וועל זיך נישט בעקענען מיט דער גאַנצער אויספאָרשונג און אונטערזוכונג, מיט די בעווייז מאַטעריאַלען, וועלכע וועלען מיך איבערצייגען, אַז די בעשולדיגונג, וואָס מען רוקט אַרויס געגען סטאַווסקי'ן, האָט נישט קיין שום יסוד.

אויב עס איז אמת, ווי דאָס בעהויפּטען ד"ר טיאָמקין און וו. זשאַבאָטינסקי, אַז די יודישע און קריסטליכע וועלט פיהלען צו מיר אַ צוטרוי, איז דאָס מסתמא דערפאַר, וואָס איך האָב קיין מאָל מיט מײַן פאַך נישט פערדעקט אַ פאַלשען פּראָצעס. אויב דער אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל וועט מיך איבערצייגען, אַז סטאַווסקי איז אומשולדיג, וועל איך זיך שטעלען איהם צו פערטיידיגען, אפילו ווען געגען איהם וועט זיך בעוואָפענען די גאַנצע וועלט. אין אַזעלכע פראַגען רעכען איך זיך בלויז מיט מײַן געוויסען.

נאָר דערצו מוז איך זײַן איבערצייגט אין מײַן גערעכטיגקייט: איך בין נישט אַ גאַסען-מיידעל, וואָס רופט זיך אָפּ מיט אַ בריטוויליג שמייכעל אויף יעדען רוף, און איך בין נישט דער „פּאָליטיקער", פאַר וועלכען דער אינטערעס פון אַ פּאַרטיי אָדער אַ קרייזעל שטעהט העכער ווי דער אמת.

פאַר מיר איז דאָס אומשולדיג פערגאָסענע מענשען-בלוט אַ הייליגע פּליכט.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז ד"ר אַרלאָזאָראָוו האָב איך געטראָפען אויף צוויי קאָנגרעסען פון דער יודישער אַגענטור: אין ציריך און אין בערלין. מיט זײַן שכל, בילדונג, איידעלקייט פון ווײַנע בעגעהונגען און אָראַטאָרישען טאַלאַנט — האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ בעצויבערנדען אײַנדרוק. עס איז שמערצליך צו אַנערקענען, אַז דער דאָזיגער שווער צו פערבײַטענדער געציאָנאַלער טוער איז אַוועק פון אונז אין פריהמאָרגען פון זײַן לעבען, וואָס איז געווען פול מיט הבטחות.

איך וויל נישט גלויבען, אַז דער נידערטרעכטיגער מערדער איז אַ יוד. נאָר אויב צום אומגליק וועט זיך אַרויסווײַזען, אַז דאָס איז אַזוי, אין דער דאָזיגער יוד פון די בײַז-אומפּעהיגע מענשען פאַר וועלכע פרעמדער טאַלאַנט און איידעלקייט איז אַ קוואַל נישט פון פרייד נאָר פון צעשטערענדער קנאה.

אַזעלכע יודען דאַרפען מיר נישט. דאָס לויזיגע פעל אין אויוען אַרײַן!

מיט דרך-ארץ

א. גרוזענבערג.

היטלער-לײַט מאָרדעווען ווײַטער

שוידערליכע מאָרדען אין לייפּציג און ברוינשווייג

לייפּציג, 5 (ספּ. טעל.)

„לייפּציגער אָווענד פּאָסט" איז מודיע וועגען צוויי נײַע פאַלען פון דערשיסען קאָמוניסטען, וואָס האָבען זיך געפינען אין די תפיסות פון ערפורט און לייפּציג. אין פּאָליצײַ קאָמוניקאַט ווערט אָנגעגעבען אַז זיי האָבען געפּרובט אַנטלויפען...

די היטלער אָרגאַניזאַציעס פיהרען איצט אין זאַקסען אַנ'ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר בעזייטיגען די פּוילישע לאַנד אַרבייטער.

ברוינשווייג, 5 (ספּ. טעל.)

שטורמיסטען האָבען דאָ דערמאָרדעט דעם יודישען סטודענט פון פּוילען צאַר בערעל. די היטלעריסטען — זאָגען, אַז זיי האָבען איהם דערמאָרדעט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט וועגען נאַציס.

די יודישע קהלה פון ברוינשווייג האָט דעם דערמאָרדעטען געבראַכט צו קבורה.

געוועז. פּאַרזיצער פון דער סאָוו. רעגירונג סירצאָוו

האָט געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד

פּאַריז, 5. (ספּ. טעל.) „לע זשורנאַל" איז מודיע פון מאָסקווע, אַז דער געוועזענער פּאַרזיצער פון דער רוסישער סאָוועטען-רעגירונג סירצאָוו האָט געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד.

סירצאָוו געפינט זיך אין תפיסה פאַר אָפּאָזיציע בעלויער טעטיגקייט. מען האָט סירצאָוון איבערגעפיהרט אין שפּיטאָל אַרײַן, וואו זײַן געזונד-צושטאַנד פערבעסערט זיך.

אין טערקיי וואַקסט דער אַנטיסעמיטיזם

וויען (יט"א) אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער בעריכט אין דער צײַטשריפט „יודענשטאַט" ווײַזט אָן אויף דעם שטאַרקען וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין טערקיי. געזעצליך און פּראַקטיש זענען די יודישע רעכט אין טערקישער רעפּובליק שטאַרק בעגרעניצט געוואָרען. די מלוכה'שע אונטערנעהמונגען און אַמטען זענען פּאָלקאָם ריין פון יודען.

אין דער טערקישער אַרמעע דערלאָזט מען נישט קיין יוד אַפילו צו די מיליטערישע פונקציעס. פון אַ געוועהנליכען זעלנער. אַ יודישער זעלנער טאָר נישט טראָגען קיין געוועהר, ער ווערט פערווענדט בלויז צו פערשיעדענע הילפס-פונקציעס. די מיליטערישע דינסטפּליכט-יאָהרען זענען פאַר יודען דערפאַר אַ שווערע צײַט פון קוועלערײַ און דערנידעריגונג. לעצטענס איז נאָך געקומען דאָס נײַע געזעץ געגען פרעמדע אַרבייט. דאָדורך פערלירען פיל יודישע אײַנוואוינער יעדע מעגליכקייט אויף אַרבייט און לעבען. די איינבירגערונג פון יודען איז געוואָרען גאַנץ אוממעגליך.

אַלס פועל-יוצא פון דער געשילדערטער לאַגע האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע יודישע אויסוואַנדערונג פון טערקיי. די יודען וואַנדערן בעיקר קיין דרום אַמעריקע און קיין פראַנקרייך, בשעת ארץ-ישראל שטעהט ערשט אויפ'ן דריטען פּלאַץ, דער יודיש-נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין איז בײַם ספּרדישען יוד נאָך אַלץ שוואַך.

די צאָהל פון די טערקישע יודען בעטרעפט צווישען 80 און 90 טויזענד.

דײַטשע פּראָוואָקאַציע אויף דער פראַנצויזישער גרעניץ

פּאַריז, 5. (ספּ. טעל.) די היינטיגע מאָרגען-פּרעסע ברענגט אַלאַרמירענדע ידיעות, אַז די היטלעריסטען גרייטען צו אַ נײַע פּראָוואָקאַציע-מאַניפעסטאַציע אויף דער דײַטש-פראַנצויזישער גרעניץ וועלכע דאַרף פאָרקומען דעם 13. אויגוסט.

דעם 13. אויגוסט זאָלען זיך צונויפפאָהרען צו דער פראַנצויזישער גרעניץ 300 היטלעריסטען פון גאַנצען לאַנד, אַלס הויפּט-רעדנער וועט אַרויסטרעטען געבעלס.

דער פּראָצעס וועגען אונטערצינדען דעם רײַכסטאַג

וועט אויסגענוצט ווערען דורך היטלער'ן צו פּראָפּאַגאַנדע

בערלין 5 (ספּ. טעל.)

ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, וועט מען דעם פּראָצעס וועגען די רײַכסטאַג שרפה שוין נישט אָפּלייגען און וועט אין גיכען פאָרקומען. דער בעשולדיגונגס אַקט איז שוין פאַרטיג.

עס ווערט געזאָגט, אַז דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען אין אָפּגעברענטען רײַכסטאַג גופא. צו דעם צוועק ווערט ער מיליוויז רעסטאַוורירט. די היטלעריסטען ווילען דעם פּראָצעס אויסנוצען צו זייערע פּראָפּאַגאַנדע צוועקען, דעריבער וועלען וויכטיגע מאָמענטען פון פּראָצעס איבערגעגעבען ווערען דורך ראַדיאָ. ווי בעקאַנט לאָזט די דײַטשע רעגירונג נישט צו קיין פערטיידיגער פון אויסלאַנד. עס איז געווען אַ געפאַהר, אַז די אָנגעקלאָגטע זאָלען בלײַבען אָהן שום פערטיידיגער, ווייל קיינער פון די דײַטשע אַדוואָקאַטען וועט נישט ריזיקירען צו שטעלען זיך פרײַ פערטיידיגען די אומשולדיגע, וועלכע די אמת'ע שולדיגע — די בערינגס און היטלערס — ווילען דוקא אוועקשיקען אויף יענער וועלט.

נאָך גרויסע בעמיהונגען איז דעם פיהרער פון דער ענגלישער אַרבייטער-פּאַרטיי דעפּוטאַט סטאַפאָרד קריפּס געלונגען צו פועלן בײַם בערלינער אַדוואָקאַט דר. זהלערס צו פערטיידיגען דעם אָנגעקלאָגטען קאָמוניסטישען דעפּוטאַט טאָרגלער. דר. זהלערס איז פריהער געווען אַ בעאַמטער אין דײַטשען אויסערן מיניסטעריום און איז געשטאַנען נאָהנט צו דער דײַטשער פאָלקס פּאַרטיי.

זהלערס האָט אָנגענומען די פערטיידיגונג נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען אַנ'ערקלערונג פון היטלערן און פרייסישען יוסטיץ מיניסטער, אַז זיי זענען נישט געגען דעם, אַז ער זאָל אַרויסטרעטען אין פּראָצעס.

אַרעסטען, זעלבסטמאָרדען, באָיקאָט אין היטלער-לאַנד

באָליוויע וועט אַרײַנלאָזען יודישע עמיגראַנטען פון דײַטשלאַנד

בערלין, 5 (ספּ. טעל.)

אין רעמשייד האָט די פּאָליצײַ אַרעסטירט 19 קאָמוניסטען בעת זיי האָבען אָפּגעהאַלטען אַ פערזאַמלונג אין אַ קאָנספּיראַטיווען לאָקאַל. אַ חוץ דעם זענען אַרעסטירט געוואָרען 10 יוגענטליכע אַרבייטער.

פון מינכען טיילט מען מיט, אַז דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער רעדאַקטאָר פּעכענבאַך וועט איבערגעפיהרט ווערען אין איינעם פון די בײַערישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

דער קאָמוניסט פּאָך, וועלכער איז פערמשפּט געוואָרען פאַר אַנ'אַטענטאַט אויף אַ שטורמיסט אויף 2 יאָהר טורמע, איז אין דער דיסעלדאָרפער טורמע בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער.

בערלין, 5 (ספּ. טעל.)

לויט דער פעראָרדנונג פון די מיניסטעריומס פון בילדונג און יוסטיץ וועלען נישט צוגעלאָזען ווערען צו די עקזאַמענס אויף די פּרייסישע הויך-שולען די יודישע סטודענטען, וואָס שטודירען יורי. אין עקאָנאָמישע וויסענשאַפטען און וואָס האָבען בדעה צו ווידמען זיך יורידישע אָדער אוניווערזיטעט-פּראַקטיק.

אויף אַ פערזאַמלונג פון דיפּלאָמאַטען און זשורנאַליסטען האָט דער באָליווישער געזאַנדטער אין בערלין, ד"ר אַנדרעטאָריע דערקלעהרט, אַז אין באָליוויען זענען דאָ גרויסע מעגליכקייטען פאַר יודישע עמיגראַנטען פון דײַטשלאַנד. בעזונדערס פאַר וויסענשאַפטס-לײַט און האַנטווערקער.

באָליוויען, האָט ד"ר סאַריאַ דערקלערט, איז גרייט צו עפענען איהרע טויערן פאַר עמיגראַנטען פון דײַטשלאַנד, בתנאי אויב די דײַטשע רעגירונג וועט וועגען דעם זיין אַרײַנטרעטען אין אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג פון באָליוויען.

מאַקדאָנאַלד, דאַלאַדיע און היטלער

וועלען פאָהרען קיין רוים

לאָנדאָן, 5 (ספּ. טעל.) „צענטראַל ניוז" ברענגט אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה, אַז דער ענגלישער פּרעמיער מאַקדאָנאַלד, דער פראַנצויזישער פּרעמיער דאַלאַדיע און קאַנצלער היטלער זאָלען אין דער נאָהענטסטער צײַט קומען קיין רוים, כדי אַדורכצושטודירען צוזאַמען מיט מוסאָליני'ן די לאַגע וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורכ'ן שליסען פון „4-פּאַקט".

בײַ דער דאָזיגער געלעגענהייט וועט מוסאָליני פאָרשטעלען די דרײַ מלוכה-מענער אַ בעריכט וועגען זײַנע אונטערהאַנדלונגען מיט אונגאַרן און עסטרײַך און ווי אויך וועגען די בעראַטונגען פון דער קליינער קאָאַליציע.

רוזוועלט האַלט זיך בײַ דאָס זײַניגע

אינגיכען זאָל אין אַמעריקאַ קומען צו אַנ'אינפלאַציע

פּאַריז, 5 (ספּ. טעל.)

די „האַוואַס-אַגענטור" איז מודיע פון וואַשינגטאָן, אַז אין די נאָהענטסטע קרייזען פון פּרעזידענט רוזוועלט ווערט פערשטאַרקט דער געדאַנק פון אַנ'אינפלאַציע. אַ רייהע אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען איבען אויס אַ דרוק אויף רוזוועלט'ן, אַז ער זאָל פערקלענערען דעם גאָלד ווערט פון דאָלאַר. זיי האַלטען, אַז ס'איז נויטיג צו העכערען דעם פּרײַז פון גאָלד און זענען איבערצײַגט, אַז דער פריהערדיגער גאָלד-פּאַריטעט פון דאָלאַר וועט פריהער נישט קענען צוריקגעשטעלט ווערען ווי ערשט אין אַ פיער יאָהר אַרום.

די לעצטע יודישע געלעהרטע

ווערען בעזײַטיגט פון זייערע אַמטען אין דײַטשלאַנד

בערלין (י.ט.א.) פון 1-טען אויגוסט איז אויך בעזײַטיגט געוואָרען פון אוניווערסיטעט דער וועלט בעריהמטער פּסיכאָלאָג וויליאַם שטערן, אַ יוד.

דער לאַנדס געריכט פּרעזידענט דר. מאַקס מייער איז בעזײַטיגט געוואָרען פון זײַן אַמט.

קוזאַ אָרגאַניזירט אַנ'אַנטיסעמיטישען וועלט-קאָנגרעס

וויען (י.ט.א.) די „נײַע פרײַע פּרעסע" טיילט מיט, דאָס דער רומענישער אַנטיסעמיטען פיהרער פּראָפ. קוזאַ אָרגאַניזירט אַן אינטערנאַציאָנאַלען אַנטיסעמיטישען וועלט קאָנגרעס, וואָס זאָל פאָרקומען אין אָקטאָבער אין בוקאַרעסט אָדער מינכען.

אומגעלונגענער פליה צו דער סטראַטאָספערע

נעכטיגער עקספּערימענט פון קאַפּיטאַן סעטל

טשיקאַגאָ, 5 (ספּ. טעל.)

קאַפּיטאַן סעטל האָט זיך היינט 9 אינדערפריה אויפגעהויבען אויף זײַן באַלאָן צו דער סטראַטאָספערע, דער באַלאָן האָט זיך אָבער נאָר אויפגעהויבען אויף אַ הויך פון 250 מעטער און דאַן אַראָפּגעפאַלען. קאַפּיטאַן סעטל איז אַרויס אונבעשעדיגט.

ווי אַזוי מען פּײַניגט אין דײַטשלאַנד אַ שווער-קראַנקען יודישען אַרטיסט

אינסבּרוק (יט"א) פון מינכען זענען אָנגעקומען פאָלגענדע מיטטיילונגען וועגען די טראַגישע גלגולים פון 28-יעהריגען יודישען אַרטיסט דוד שניאור (געבוירען אין פּשעמישל): שניאור האָט בעקומען אַ שווערע נערווען-ערשיטערונג נאָכדעם ווי מען האָט איהם צוליב זײַן יודישקייט בעזייטיגט פון טעאַטער און איז געלעגען צו בעט. דורך זײַן פּאָטער האָט ער זיך געווענדעט צום מינכענער פּאָליצײַ-פּרעזידענט וועגען אַ וויזע קיין אויסלאַנד. גלײַך נאָכדעם איז דער אַלטער שניאור אויפגעפאָדערט געוואָרען זיך צו מעלדען צוזאַמען מיט'ן זוהן אין פּאָליצײַ-פּרעזידיום. דוד שניאור, וועלכער איז קוים אַראָפּ פון בעט, איז גלײַך אַרעסטירט געוואָרען, הגם ער איז קיין מאָל נישט געווען פּאָליטיש אַקטיוו. עס האָבען נישט געהאָלפען די טענות פון פּאָטער, אַז דער זוהן איז שווער קראַנק.

קיין שום מאָטיווען פון אַרעסט פון אומגליקליכען יודישען אַרטיסט זענען נישט אָנגעגעבען געוואָרען.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 6 אויגוסט 1933

נאך צוויי=דריי אומזיסטע קאנפערענצן

און — די פאליטיקער וועלן מוזן האבען רחמים

מאקדאנאלד האט רוזוועלט'ן פייערליך צו-געזאגט אין וואשינגטאן, אז די אלוועלטליכע ווירטשאפטליכע קאנפערענץ וועט זיך אויף קיין פאל נישט בעשעפטיגען מיט דער פראגע פון די אינטערנאציאנאלע חובות. אין לאנדאן האט ער באלד אין ערשטען טאג געווידמעט די אינטער-נאציאנאלע חובות א טייל פון זיין רעדע ביי דער ערעפנונג פון דער קאנפערענץ. אויף די אמעריקא-נער האט דאס, ווי ס'איז אנגענומען זיך אויסצו-דריקען, געמאכט א שווערען איינדרוק. אין עטלי-כע טעג ארום איז מיט זיין „וואונדערליכען" מעמאראנדום ארויסגעטרעטען הוגענבערג, וועלכער האט געמאכט א שווערען איינדרוק אויף די באל-שעוויקעס דערפאר, ווייל ער האט דערמאנט מזרח-אייראפע, אויף די ענגלענדער צוליב די קאלא-ניעס אין אפריקע און מסתם אויף די דייטשען גופא, ווייל דער מעמאראנדום איז אויפ'ן צוויי-טען טאג געווארען צוריקגעצויגען. ענדליך דעם סאמע שווערסטען איינדרוק האט געמאכט רוזוועלט אליין, שוין אויף אלעמען: ווי בעקאנט האט ער דעם 16 מאי געהאט ערקלערט, אז די קאנפערענץ דארף מאכען א סוף צום איצטיגען כאאס דורך איינשטעלען א סטאביליזאציע פון די וואלוטעס, און דעם 3 יולי האט ער אנגעשריגען אויף דער וועלט דערפאר, וואס זי האט זיך טאקע מיט אט דער פראגע געוואלט פערנעהמען. ביי נישט לייכט גלויביגע מענשען האט געמוזט אויף א נאטירלי-כען אופן ענטשטיין די פראגע, צי ווייסען די אר-גאניזאטארען פון דעם לאנדאנער צוזאמענפאהר, וואס אייגענטליך זיי ווילען, נאך וואס זענען זיי זיך צונויפגעקומען און נאך וואס זענען זיי זיך צונויפגעקומען און נאך וואס האבען זיי די מענ-שען צונויפגערופען? און צי איז דורכגעטראכט און גענוי אויסגעארבייט געווארען בלויז דאס פראגראם פון די ראטשען, פון די אויפנאהמען און פון די מיטאגען?

איצט זענען אלע איינשטימיג דערין, אז די לאנדאנער קאנפערענץ איז דורכגעפאלען, אז זי איז נישט געווען ווי געהעריג צוגעגרייט. דער גע-היימער (און איבריגענס נישט שטארק געהיימער) זין פון די ווערטער איז דער: די לייטענדע מלוכות פון דער וועלט האבען בעדארפט פריהער זיך צונויפרעדען אויפ'ן דיפלאמאטישען וועג לויט די אלטע גוטע מעטאדען, ווען די בלעטער פלע-גען שרייבען: „דער בעשלוס פון סען דזשעמסער קאבינעט", „די נאטע פון דער הויכער פארטע" א. ד. גל. און ערשט דאן האבען זיי געדארפט דורכפיהרען דעם בעשלוס דורך דער פערזאמלונג פון גלייכבערעכטיגטע מלוכות. עס וואלט זיך גע-שאפען דער שיין פון דעמאקראטיע און פארלא-מענט.

איך האב נישט צופעליג אנגעווענדעט דעם אויסדרוק „דער שיין פון פארלאמענט". מיר איז אויסגעקומען צו זעהן פארלאמענט-זיצונגען אין פעטערבורג, אין פאריז, אין לאנדאן, אין מאדריד און אין וואשינגטאן. איך האב אין די לעצטע יאהרען געזעהן דריי אינטערנאציאנאלע קאנ-פערענצן. די אויסערליכע עהנליכקייט איז זעהר גרויס. אין דער ווירקליכקייט אבער איז קיין שום עהנליכקייט כמעט נישט פאראן. דער ערשטער און בעדייטענדער אונטערשיידונגס-פונקט בעשטייט דע-רין, וואס די אפשטימונג, אט דער הויפט-פרינציפ פון פארלאמענט, ווערט אויף די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצן אדער אינגאנצען נישט אנגעווענדעט אדער זי האט א גאנץ קנאפע בעדייטונג: ווען פון 67 מלוכות, וואס זענען געווען פערטראטען אין לאנדאן, וואלטען 66 זיך געהאט ארויסגעזאגט פאר דער נויטווענדיגקייט באלד צו סטאביליזירען דעם דאלאר, דאן וואלט דאס אין קיין פאל נישט גע-וויגען אויף דעם בעשלוס פון רוזוועלטן. ווייטער: אין די פארלאמענטען ווייסען די מענשען געוועהנ-ליך כמעט אין אלגעמיינע שטריכען וועגען וואס זיי רעדען, זיי קענען די ענינים פון זייער לאנד און קענען איינער דעם אנדערען. אויף דער לאנ-דאנער קאנפערענץ וואלט מען געדארפט קענען די ענינים און די מענשען פון 67 מלוכות. און אזוי ווי דאס איז שווער, האבען אייניגע רעדעס אויף דער קאנפערענץ בעטראגען א ריין הומאריסטישען כאראקטער. ענדליך: אין די פארלאמענטען, מיט זעלטענע אויסנאהמען, זאגען די מענשען דאס, וואס זיי דענקען; זיי ליבען איין זאך, האסען די צווייטע, די בעהאלטען נישט, נישט דעם האס, נישט די לי-בע. אויף די קאנפערענצן האלט מען רעדעס, און וועלכע אלע ווייסען דאס עס איז נישטא קיין איין אויפריכטיג ווארט. און אפילו דאן, ווען מען רעדט דארט די וואהרהייט, האלט מען עפעס פאר נויטיג די ווערטער צו בעשמירען מיט א גאנצען בארג האניג. מעגליך, אז דער דאזיגער טאן האט זיך געשאפען צופעליג, אבער איצט איז שוין שווער פון איהם זיך אפצושיידען, עס האט זיך געשאפען א טראדיציע פון פופצעהן יאהר.

איך וועל נישט לייקענען: געוויסע רעזולטא-טען ווערען דערגרייכט אויך אויף דער קאנפערענץ. אבער נישט אין די קאנפערענץ-זאלען. דאס, וואס עס ווערט דערגרייכט, איז א רעזולטאט פון אונ-טערהאנדלונגען צווישען א 5 אדער 6 פערזאן. אייגענטליך איז דאס זעלבע, וואס אמאל איז געווען די בעגעגעניש אין גאסטאיין. דער צונויפקום אין די שכערען, די געהיימע דיפלאמאטיע, קאנצערט פון די גרויסע מלוכות. גלייכצייטיג דערמיט ארבייט כמעט אינגאנצען אומזיסט די טייערע קאמפליצירטע, גוט פראיעקטירטע מאשין, וואס איהר ציל איז פארזושטעלן פראגרעס און דעמאקראטיע דארט, וואו עס איז נישטא קיין פראגרעס און נישט קיין דעמאקראטיע.

אויף דער לאנדאנער קאנפערענץ איז דאס אלץ נאך מעהר קאמפליצירט געווארען דורך א נייער און טרויעריגער ערשיינונג. דער הויפט-העלד פון דער קאנפערענץ איז געווען — דער דאלאר. ער איז ראשיג געפאלען אבער דאס ערגסטע איז דאס אויסטערלישסטע איז געווען נישט זיין פאלען, הגם דאס איז פאר'ן דאלאר געווען א גאנץ נישט געוואוינטע ערשיינונג, מערקווירדיג איז געווען אויף דער קאנפערענץ דאס, וואס פון דער [illegible] העכסטע טריבונע פון דער וועלט" איז ערקלערט געווארען גאנץ אפען: דער דאלאר וועט ווייטער פאלען! פערשטייט זיך, א געהעריגער בעשלוס איז אנגענומען געווארען נישט אויף דער קאנפע-רענץ. אט די גאראנטירטע פרעמיע, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען די שפעקולאנטען פון דער גאנצער וועלט, איז, אויף וויפיל מיר איז בעקאנט, אנ'ערשיינונג, וואס האט נישט צו זיך קיין גלייכען. פון דער סאמע אנגעזעהענסטער וועלט-טריבונע זענען געזאגט געווארען אויסער-געוועהנליך איידעלע ווערטער. אבער עס איז שווער געווען זיך צו בעפרייען פון געפיהל, אז עפעס פינסטערע עלעמענטען פערדינען מיליאנען פון דער דאזיגער שפעקולאציע.

עס פערשטייט זיך, די קאנפערענץ איז „בלויז אפגעלייגט". „עס זענען דערגרייכט גע-ווארען זעהר ווערטפולע רעזולטאטען". און אזוי ווייטער. אבער מען דארף נישט זיין קיין פעסי-מיסט. מען דארף נישט גלויבען אין נאהענטען סוף פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, כדי צו קאנסטאטירען מיט ערשטוינונג: נאך א צוויי-דריי אזעלכע „געלונגענע" קאנפערענצן און זאל דער קינפטיגער היסטאריקער געפינען רחמים פאר די מענשען", וועלכע האבען אנגעפיהרט מיט דער וועלט אין די דרייסיגסטע יאהרען פון צוואנציג-סטען יאהרהונדערט. (מא)

דריי גרויסע דייטשע שרייבער

טאמאס, היינריך מאן און ליאן פויכטוואנגער אויף דער עמיגראציע

באנדאל איז א קליין ארט אויף דער פראנ-צויזישער ריוויערע. דארט, אין דעם ארט, וואס איז ווי אויסגעבאדען אין די שטראהלען פון דער זון, איז שטיל, רוהיג און געמיטליך, פונקט, ווי די געגענד וואלט גארנישט געקענט נישט ווייט פון די מאדערנע און רוישיגע פליאזשען. דארט איז נישטא קיין קאזינא און קיין לוקסוס-רעסטא-ראנען. די עליטע פון באנדאל בעגעגענט זיך אין א קליינעם ווין-שענקעל, וואס איז געשיצט פון דער הייסער זון מיט גרינע ראלעטען. דארט טרע-פען זיך יעדען טאג ביי א גלעזעל ווין עטליכע עלטערע עלעגאנטע הערען, וועלכע דעבאטירען צווישען זיך וועגען די נייעסטען פון דער וועלט אויף דייטש. דאס זענען ליאן פויכטוואנגער, טא-מאס מאן און ארנאלד צווייג, די דריי פיהרענדע שרייבער פון דער מאדערנער דייטשער ליטערא-טור, וועלכע זענען איצט פעריאגט געווארען פון זייער לאנד.

נאך גאר נישט לאנג איז פאר דייטשלאנד געווען דער גרעסטער כבוד, וואס דאס לאנד האט פערמאגט אזעלכע שרייבער ווי די ברידער היינ-ריך און טאמאס מאן, ווי ארנאלד און סטעפאן צווייג, אדער ווי ליאן פויכטוואנגער. איצט, אין היטלעריסטישען דייטשלאנד, איז נישטא קיין ארט פאר דעם אויטאר פון די „בודענבלאקס" און פון „צויבערבארג", ווער רעדט שוין פאר דער שריי-בער פון „יוד זיס" און פון „יודישען קריג". זייערע ווערק האט מען געברענט אויף די שייטער-הויפענס און זייערע נעמען געפינען זיך אין דער רשימה פון די מחברים, וועלכע זענען אין דייטש-לאנד פערבאטען. מען האט זיי קאנפיסקירט די פערמעגענס און ווער ווייס, צי זיי וואלטען נישט פערגרעסערט די צאהל איינוואוינער פון די קאנ-צענטראציע-לאגערען, ווען זיי וואלטען נישט גע-ווען בעצייטענס פערלאזען די היימאט זייערע, וואס איז פאר זיי געווארען א שטיפמוטער.

דער זוניגער שטראנד פון פראנקרייך איז געווארען דער מקום מקלט פאר דער דייטשער ליטעראטור. אהער איז געקומען היינריך מאן פון דייטשלאנד, פון איטאליען איז אהערגעקומען נישט אומקעהרענדיג זיך אהיים, טאמאס מאן, דא האט זיך בעזעצט נאכ'ן צוריקקומען פון אמעריקע ליאן פויכטוואנגער.

אין א קליין ווייס הייזעל אויף א בערגעל האט זיך בעזעצט היינריך מאן. דאס הייזעל, וואס טראגט דעם שטאלצן נאמען „דער שלאס" איז אייגענטלין אנ'ארים פישער-הייזעל.

היינריך מאן האט פערלוירען זיין גאנץ פער-מעגען. אלץ, וואס ער האט פערמאגט, האבען איהם די היטלעראווצעס קאנפיסקירט. דער גרוי-סער שרייבער, דער בעוו. פרעזעס פון דער פרייסי-שער דיכטערישער אקאדעמיע, פיהרט א בעשיי-דען לעבען פון אנ'ארימען סטודענט. אין זיין הייזעל האט איהם נישט לאנג אויפגעזוכט דער קא-רעספאנדענט פון עטראנסיזשאן.

היינריך מאן האט זיך נישט בעקלאגט, הגם עס איז איהם זעהר און זעהר שלעכט. ער איז גע-צוואונגען אליין אויפצוראמען זיין קליינע וואוינונג, ער גייט אליין איינקויפען ער מוז אפילו אליין קא-כען, און דערביי ארבייט ער זעהר פיל. די מא-טעריעלע בעדינגונגען האבען איהם געצוואונגען זיך אריבערצוווארפען אויף זשורנאליסטיק. ער שרייבט פאר איינציגע פראנצויזישע בלעטער, אבער גלייכצייטיג פערלאזט ער נישט זיינע בעלעטריס-טישע ארבייטען.

די ברידער היינריך און טאמאס מאן זענען נישט קיין יודען. זיי שטאמען פון אנ'אלטער פאט-ריציער-פאמיליע פון ליבעק און אין זייערע אדע-רען פליסט ריין אריש בלוט. היינריך מאנען האט מען פארגעווארפען, אז ער האט סימפאטיעס צו די קאמוניסטען און דערפאר האט מען איהם אויס-געשלאסען פון דער אקאדעמיע און מען האט איהם מיט כלערליי שיקאנעס געצוואונגען צו פערלאזען דייטשלאנד.

דערפאר איז דער שווערסטער פארוואורף וועלכען מען האט געקאנט מאכען פויכטוואנגערן, דער, וואס ער איז א יוד און נישט בלויז א יוד לייטן נאמען נאר א גאנץ בעוואוסטזיניגער. אין יאנואר פון לויפענדען יאהר איז פויכטוואנגער גע-פאהרען קיין אמעריקא. דאס הייסט נאך פאר דעם היטלעריסטישען רעזשים. דארט האט ער געזאלט האלטען אייניגע פארטראגען. די רייזע האט גע-פיהרט דערצו, אז פויכטוואנגער האט געהאט איבערגעריסען די ארבייט איבער דעם דריטען באנד פון זיין גרויסען ווערק „דער יודישער קריג". די מאטעריאלען נאטיצען און דאקומענטען, וועלכע זענען דעם שרייבער געווען נויטיג ביי זיין אר-בייט האט פויכטוואנגער געהאט איבערגעלאזט אין זיין וואוינונג אין דייטשלאנד, אבער די היטלעריס טישע וואנדאלען האבען זיך אריינגעריסען צום שרייבער אין דער וואוינונג אריין און האבען דארט אלצדינג פערניכטעט. פויכטוואנגער האט זיך אבער נישט געלאזט שטערען אין דער ארבייט און אינגיכען זאל ווידער דאך ערשיינען דער דריטער באנד פון דעם מאנומענטאלען ווערק.

אויף פויכטוואנגערן העגט נאך איין זינד א חוץ זיין יודישקייט. ווילענדיג אין אמעריקא, האט ער געהאט די העזה זיך אויסצודריקען, אז דער „פיהרער" איז אין זיין בוך „מיין קאמף" בעגאנ-גען אזוי פיל פעהלערן קעגען דער דייטשער שפראך, וויפיל ווערטער דאס בוך ענטהאלט. דאס קאן מען דעם גרויסען שרייבער נישט מוחל זיין. פויכטוואנגער האט פון זיין ליטערארישער ארבייט פערמאגט א גאנץ היבש פערמעגען און די היטלע-ראווצעס האבען ביי איהם קאנפיסקירט א פרעכ-טיגע ווילע אין בערלין, דריי אויטאס און א גרויסע סומע געלד פון דער באנק. פויכטוואנגער איז זיך אבער דערפון נישט שטארק מצער און ארבייט טיכטיג איבער דעם דריטען באנד פון זיין „יודישען קריג".

טאמאס מאן, דער דייטשער טרעגער פון נאבעל-פרייז פאר ליטעראטור, שרייבט איצט גאר-נישט צוליבן שלעכטען געזונדצושטאנד. זיין ווילען אין באנדאל בעטראכט ער גיכער פאר אנ'אפרוה, אבער וועגען צוריקפאהרען קיין דייטשלאנד דענקט ער נישט: אין דריטען רייך פון היטלערן און געבעלסן איז נישטא קיין ארט פאר א געניוס, וועלכער האט זיך נישט פערזעהען מיט דעם עטי-קעט פון האקענקרייץ.

דער וועג איז פריי געווארען

אויב נישט פאר ווייצמאנען איז פאר זיין שיטה

דער בצחון פון ארבייטער-בלאק ביי די וואהלען צום ציוניסטישען קאנגרעס האט געמאכט אקטועל די פראגע וועגען צוריקקעהר פון פראפ. ווייצמאן צו דער לייטונג פון דער ציונ. ארגאניזאציע. אין דעם זין האט זיך שוין ארויסגעזאגט דער אמעריי-קאנער ציוניסטישער פיהרער ליפסקי, הגם פון אמע-ריקא גייט מען איבער, אז פראפ. ווייצמאן האט בעת זיין לעצטען בעזוך נישט געגעבען קיין שום רמז וועגען דער קאנדידאטור אויפ'ן אמט פון פרעזידענט. די פראגע וועגען ווייצמאנ'ס צוריקקעהר רעדט ארום אין אנ'ארטיקעל הער. פ. קאפלאן, וועלכער שרייבט:

וואסערע נצחונות האט מען אפגעהאלטען דורכ'ן פארצוויי'אהריגען אפרייסען זיך פון ד"ר ווייצמאנ'ס פאליטיק? אויב מ'האט געמאכט אנ'אנשטעל, אז די באמבאזציע פון סער וואוקאפ, אט דעם „דימענ-טעטען מענשען", איז געווען א דירעקטער פועל-יוצא פון דער ציוניסטישער פעסטערער האלטונג, האט מען אבער אין הארצען גוט געוואוסט, אז דאס איז גאר געקומען פון אנ'אנדערער סיבה.

דער פריערער מאקדאנאלד, דער הייסער פריינד פונ'ם חלוציסטישען ציוניזם, האט אין זיין ערשטער לייבאריסטישער אויפלאגע נישט געקענט האנדלען געגען זיינע סאציאליסטישע פרינציפען, און אויב ער האט אפילו דעם פאספילד-בוך אפגע-ווייסט מיט זיין זיכען בריף צו ווייצמאנען, וואלט עס אבער קיין פראקטישען בעטייט נישט געהאט, ערשט אין זיין צווייטער, נאציאנאלער אויפלאגע האט מאקדאנאלד געקענט אננעמען שוין אנ'אפע-נע ציון-פיינטליכע שטעלונג, בעגראבען די אלע אנטי-יודישע בעריכטען, בעשטימען א פרא-יודישען נציב, פערגרעסערען די צאהל סערטיפיקאטען, און דאס אלץ נישט צוליב דער ציוניסטישער פעסטער האלטונג, ווי זשאבאטינסקי און טיילווייז אפילו גרינבוים האבען זיך בעמיהט אונז איינצושמועסען, נאר נישט געקוקט דערויף. די ענגלישע קאנסער-וואטארען מעגען זיך פערגינען דעם לוקסוס, צו קוקען דורך די פינגער אויפ'ן ציוניסטישען „ענד-ציל" און דערווייל פראטעזשירען די עליה.

די לעצטע טעג האבען בעוויזען, אז די גאנצע גוטסקייט פונ'ם איצטיגען רעזשים איז געווען א טעות. דער פרענטש-בעריכט איז ווידער אויפגע-וועקט געווארען, די הלוואה ווערט אויסגענוצט מייר-סטענס לטובת די אראבער, מיט סערטיפיקאטען האלט מען באך אלץ אין איין קארגען און וועגען א פרייער עליה קען גאר קיין רייד נישט זיין אפילו ביים איצטיגען נציב. וואס-זשע האט מען דא געוואו-נען מיט'ן ביטען דעם ציוניסטישען רעזשים?

און דורכ'ן פונאנדערלאזען די שותפות מיט דער פערברייטערטער אגענץ וועט מען אויך קנאפ-וואס געווינען. אמת, לואיס מארשאל איז טויט, דער דייטשער וואכערמאן איז חשוב כמת, אלפרעד מאנד איז טויט און דער יונגער מעלטשעט איז שוין גאר א ציוניסט, וואס שייך פעליקס ווארבורגען, וועט ער מסתם זיין בנדבה געבען אויך אן דעם כבוד און דער פופציג פראצענטיגער רעה. האט מען דאך אבער געשמועסט וועגען דעמאקראטיזירען די פערברייטער-טע אגענץ, צוציהען צו איהר א רייה יודישע און יאהודימשע ארגאניזאציעס, ווי אויך אלע נישט-ציוניסטישע תורמים פאר'ן קרן-היסוד און נאך אנ-דערע. פון איבערייסען דעם קאנטאקט מיט די אלע עלעמענטען וועט מען אלעמאל גארנישט געווינען.

און ס'איז נאך אויך א ספק, צי ענגלאנד וועט מסכים זיין איבערצוגעבען צוריק דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אליין דעם נאמען און די רעכט פון דער „יודישער אגענץ", וואס איז דערמאנט אין מאנדאט, באזונדערס ווי זי האט שוין געקענט די פאר-שטייערס פון דער געמישטער אגענץ.

אונטער'ן דאזיגען צייכען זענען מסתם גע-גאנגען אויך די וואהלען, וואס האבען בעוויזען, אז דער מאסען-וועהלער זוכט קודם כל די פראקטישע מעגליכקייטען פונ'ם ציוניזם. טאקע די פערגרעסער-טע צאהל פון די וואהל-בעטייליגטע האט דעם ציוניזם פערפראקטישט, פערבונדען מיט דער ווירק-ליכקייט.

און דערמיט איז ממילא פריי געווארען דער וועג פאר ד"ר ווייצמאנען, נישט אזוי פאר איהם פערזענליך, ווי פאר זיין שיטה.

גרויסע פון דער הויפּט־שטאָט

פון אונזער וואַרשאַווער קאָרעספּאָנדענט
מ. עלבוים

ווען אַ וואַרשאַווער קאָרעספּאָנדענט פון אַ נישט־וואַרשאַווער צייטונג דאַרף היינט שרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע, וואָלט ער געדאַרפט זיך אויפזעצן אויף דער באַהן און אַריינפאָרן קיין .. פּיקילישקי.

וואָרום פון וואַרשע איז נישטאָ וואָס צו באַריכטן. די פּוילישע איבעריקע און אויסערליכע און אַפילו די מיטעלע פּאָליטיק ווערט געמאַכט דאָרט, וואו עס געפינט זיך אויך זיין זומער־אַבוּזה דער העצירענדער פאַקטאָר פונ'ם היינטיגן פּוילן.

דאָרט, אין פּיקילישקי, וואו עס זיצט דער מאַרשאַל פּילסודסקי, קומען זיך צונויף: דער פּרעמיער ה' יענדזשעיעוויטש און דער אויסערן־מיניסטער בעק און דער פינאַנץ־מיניסטער זאַוואַדזקי און — דער עיקר — קיין פּיקילישקי קומט דער פּרעזעס פון ב. ב.־קלוב סלאַווען און אַלע איבעריגע אָנפירענדע פּערזענליכקייטן פונ'ם איצטיגן מלוכה־אַפּאַראַט.

יאָ, אויב שרייבן וועגן וואַרשע — וואָלט אַ קאָרעספּאָנדענט העכסטענס געקאָנט שרייבן וועגן די פליאַזשעס נעבן דער ווייסעל, וואוהין עס קומען זיך צונויף יעדן טאָג צענדליגער טויזנטער מענשן; וועגן דעם, אַז קאַסע־ברעכער האָבן אויסגעריסן אַזש 2 אייזערנע קאַסעס און דעם וואַרשאַווער לאַגער פון „שייבלער און גראהאַמאַן" אויף גענשע 14; אָדער דער קאָרעספּאָנדענט וואָלט זיך ברייט געקאָנט צעשרייבן וועגן דער נייער פּרנסה וואָס בליהט און וואַקסט צווישן די וואַרשאַווער יודען: דער סאָדע־וואַסער־מסחר.

אָט די וואַסער־פּרנסה שטייגט איבער אַלץ, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן. אין יעדן הויז — ניין, 5 אין יעדן הויז, 10 אין יעדן, יעדעס געוועלב איז געוואָרן אַ „קאַ־דע־וועי" (קאופהאַוז דעס וואַסערס). און לאַדעס? — הונדערטער קאָלירטע אויפשריפטן און ליכט־רעקלאַמעס רופן אייך עסן לאַדעס; איין סוחר זאָגט אייך צו אין אַ גרויסער שילד „עולם־הזה", זאָגט אייך צו דער צווייטער „עולם־הבא"; איינער גיט אייך צו צו יעדער לאַדע אַ גלאָז זאַדע־וואַסער מיט זאַפט, גיט אייך דער אַנדערער צו אַ שאָקאָלאַדקע.

און אויף אַלע שפּראַכן רעדט צו אייך די סאָדע־וואַסער און לאַדע־רעקלאַמע; אויף העברעאיש און אויף ענגליש, אויף פּויליש און אויף רוסיש און איין וואַסער־סוחר האָט אַפילו געמאַכט אַן אויפשריפט אויף אַראַביש און ער ערקלערט, אַז די לאַדעס זענען באַר־וואָס געבּרענגט געוואָרן פון פּאַלעסטינע...

איין יודישער לאַדע־סוחר איז געפאַלן אויף גאָר אַן אָריגינעלער המצאה: ער האָט בעשלאָסן אויסצונוצן פאַר אַ רעקלאַמע צו זיין סטאָן־מסחר די איצטיגע רייבונגען אינ'ם ציוניזם און — אויף פראַנציסקאַנער־גאַס געפינט זיך איבער אַ סאָדע־וואַסער־געוועלב אַזאַ אויפשריפט: „ביי מיר עסן לאַדעס: זשאַבאָטינסקי'ס רעוויזיאָניסטן, גרינבוים'ס אַלגעמיינע ציוניסטן, בן־גוריונ'ס פּועלי־ציון און עהרליכ'ס בונדיסטן אויך"...

און אַן אַנדערער פּיפּיגער יוד האָט אויפגעשריבן אינווייניג, אין געוועלב, אַזאַ לאָזונג: „היטלער וועט איינעהמען אַ מיתה־משונה, אָבער מיינע לאַדעס וועט מען אייביג געדענקען!" אַגב, האָט עמיץ, געוויס אַ קאָנקורענט, צוגעשריבן צו דער אויפשריפט: „מען וועט אייביג געדענקען, צוליב'ן טיפוס, וואָס מען בעקומט זיכער נאָך די לאַדעס"...

זעהענדיג דעם וואַרשאַווער יודישן וואַסער־ און לאַדעס־האַנדעל קאָן מען פשוט בעקומען היץ... אָבער אַ פאַקט איז, אַז אַנשי־שלומינו זענען אונטערנעהמעריש, אויפטועריש. איז נישטאָ מאַנופאַקטור — איז סאָדע־וואַסער; איז נישטאָ לעדער — איז לאַדעס. און דער, וואָס אין הימעל העלפט־צו: די זון ברענט, די היצן טרוקענען־אויס די קעהל און מען מוז טרינקען, מען מוז עסן לאַדעס.

מיר ראַטן טאַקי אַלע לאָדזער יודען, די אַלע „טוריסטען", „דאַנסינג־ברידזש־יודען" וכדומה סוחרים, וואָס קומען קיין וואַרשע מיט די ביליגע „וויטשעטשקאָווע" צוגן, זיי זאָלן אַרויסגיין אויף די באַלעוקעס, אַ קוק־טון אויף די סאָדע־וואַסער־געוועלבער און טאַקי זיך איבערשרייבן די שילדן, אויפשריפטן און לאָזונגען. נישט־קשה: מען קען די „טעקסטען" אויסנוצן אין לאָדז און קיין פּלאַגיאַט וועט דאָס נישט הייסן.

פערגעסט־זשע נישט!

* * *

אין וואַרשע האָט זיך באַר־וואָס געענדיגט די אַלפּוילישע קאָנפערענץ פון די דעמאָקראַטישע רעוויזיאָניסטן (גראָסמאַנ'ס גרופּע) 2 טעג האָט געדויערט די קאָנפערענץ. מען האָט גערעדט וועגן פּראָגראַם־פראַגען, וועגן טאַקטיק, פראַגען פון קאָנגרעס און, דער עיקר, וועגן און געגען זשאַבאָטינסקי'ן. קיין רעוואָלוציאָנערע פראַגען האָט מען אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ נישט געהערט. עס איז געווען רוהיג, געלאַסען און עס איז בעשלאָסען געוואָרן אויף קיין פאַל נישט צו מאַכען שלום מיט זשאַבאָטינסקי'ן און זיין פּאַרטיי.

בכלל האָט זיך אויף דער קאָנפערענץ פון די גראָסמאַן־רעוויזיאָניסטן געפיהלט דאָס דערנעהנטערן זיך צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. עמיץ האָט זיך לעצטענס אויסגעדריקט, אַז גראָסמאַנ'ס רעוויזיאָניסטן זענען ווי די פּ.פּ.ס.־„פראַקעס" ביי דער סאַנאַציע. מען דאַרף האָבן „הויף־רעוויזיאָניסטן" אויך.. ווייסט מען טאַקי, אַז אויפ'ן ציוניסטישן קאָנגרעס וועלען די גראָסמאַניסטן און כמעט אַלע פראַגן געהן צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן און אַמוועניגסטענס מיט זשאַבאָטינסקי'ס חבר'ה.

צו וואָס־זשע דער נאָמען רעוויזיאָניסטן? — עלעהיי „פראַקעס"־פּ.פּ.ס...

אויטענטישע מאַטעריאַלען וועגן די שוידערליכע יודען־פּייניגונגען אין נירענבערג

אינסברוק. (יט"א) אין צוזאַמענהאַנג מיט די שוידערליכע אַנטי־יודישע געשעהענישן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין נירענבערג דעם 20־טען פ. ח. האָט די יט"א בעוויזן פעסטצושטעלן אויפ'ן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלען צ.ז.א. פאָלגענדע שוידערליכע פאַקטען פון פּייניגן פּוילישע יודען אין נירענבערג:

שלמה אַרבאַך און זיין זוהן זענען אַרעסטירט געוואָרען אין זייער וואוינונג (עבערהאַרטשטראַסע 6), וואו מען האָט זיי מערדערליך געשלאָגן, אַוועק געשלעפּט אין וואַלד הינטער דער שטאָט. דאָרט האָבן די שטורמיסטען אָפּגעשניטן ביי שלמה אַרבאַכ'ן מיט אַ מעסער זיין באָרד און איהם ווידער אַזוי שוידערליך געפּייניגט, אַז ער האָט געבעטען, זיי זאָלן שוין ליבער מאַכען אַ סוף צו זיין לעבען. די מערדער האָבן אָבער געענטפערט: עס איז נאָך נישט גענוג! די קענסט נאָך אויסהאַלטען. איצט וועלען מיר דיר דערשיסען!

צום סוף האָט מען דעם אַלטען אַרבאַך געדראָהט, אַז מען וועט איהם פערשיקען אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער אין דאַכאַו, אויב ער וועט דערצעהלען, ווי אַזוי מען האָט איהם בעהאַנדעלט. בעת דער רעוויזיע אין אַרבאַכ'ס וואוינונג האָבן די שטורמיסטען צוגעגנב'עט אַ ברילאַנטן־קאָליע אין ווערט פון 600 מאַרק.

לייזער גאָלדבלום און זיין זוהן זענען אַרעסטירט געוואָרען און מען האָט זיי בלוטיג צושלאָגען אין היטלעריסטישן פּאַרטיי־לאָקאַל. דאָס בלוט האָט מען זיי געצוואונגען אָפּצווישן פון דער פּאָדלאָגע מיט זייערע אייגענע אַנצוגען. מען האָט זיי נאָכדעם אַרויסגעפיהרט הינטער דער שטאָט און ווידער שוידערליך געשלאָגען.

די שטורמיסטען האָבן זיך אַריינגעריסען אין דער וואוינונג פון מ. פרידמאַן, צוגערויבט 180 מאַרק ווי אויך די שטעמפּלען פון „אָסט־יודען פעראיין", פון פעראיין „אחי־עזר" און אַלע דאָקומענטן פון די פּוילישע בירגער.

מאַסענהאַפט זענען יודען פערשלעפּט געוואָרען אין וואַלד, וואו מען האָט זיי מערדערליך געשלאָגען און געפּייניגט, אָפטמאָל אויסגעטון נאַקעט און געצוואונגען זאַמלען מיסט מיט די הענד.

צווישען די געפּייניגטע געפינען זיך פאָלגענדע פּוילישע בירגער: יצחק ביגעלאייזען, בערל בערגער, רפאל און שמעון רומשטיין, נתן נוסבוים, פּאַול בלייכער, משה ניס, שמואל שיינדליך, סנדר שטורם, יחיאל ראָטביין, היינריך הערשטיין און דער איבער 60־יעהריגער שאול ערליך, וועלכער איז אינגאַנצען פערבלוטיגט און געשוואָלען געוואָרען פון די שווערע קלעפּ.

די כלי־נגנים האָבען אויך נישט געשוינט קיין פרויען. פרוי שבע אַראָן און איהר טאָכטער ראָזאַ זענען פערשלעפּט געוואָרען אין פּאַרטיי־לאָקאַל, וואו מען האָט זיי געפּאַטשט, גראָב בעליידיגט און געזידעלט.

פרוי גוסטאַווא ראַפּאַפּאָרט, וועלכע איז שוין געווען פערפּאַקט, כדי אָפּצופאָהרען קיין ארץ־ישראל איז אויך פערשלעפּט געוואָרען דורך שטורמיסטען אין זייער לאָקאַל, וואו מען האָט זיי גראָב בעליידיגט און בעשימפּט.

די אַלע שוידערליכע, כוליגאַנישע מעשים זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך אוניפאָרמירטע שטורמיסטען אונטער דער אָנפיהרונג פון זייערע אָפיצירען.

אַ געשפּרעך מיט ש. ניגער

(צו דער געלעגענהייט פון זיין 50־טען געבורטסטאַג)

(בריף פון ניו־יאָרק)

ש. ניגער, דער קריטיקער פון דער יודישער ליטעראַטור איז די טעג אַלט געוואָרען 50 יאָהר. [illegible] פשלוס פון אַזאַ רונדער דאַטע האָב איך געטראַכט, איז אַ גוטער תירוץ פאַר אָנקלאַפּן אין טיר און אַריינקומען אַ קוק־טון אויף די שפּייכלערס מיט מיינונגען און אָנשויאונגען פון אַ געזעלשאַפטליכן מענשן.

דער רעזערווירטער מיטעליעהריגער מאַן מיט די עטוואָס גרויליכע שלייפן האָט מיך זייער פריינדליך בעגעגנט און גאַנץ גערן געענטפערט אויף מיינע פראַגען.

— ביי פופציג יאָהר, — האָט ניגער געזאָגט, — הויבט־אָן אָנקומען דער אינטערעסאַנטסטער טייל אין אַ מענשנס לעבען. עס קומט־אָן אַ צייט פון קאָנסטעלאַציע, פון נאָכדענקען, וואָס פערשאַפט אַ גרעסערען גענוס ווי די יאָגעניש פון די יוגענדליכע יאָהרען. מען ווערט מילדער צום לעבען, ווייל מען ווערט געניטער און רייכער אין דערפאַהרונגען. שטרענגער ווערען אָבער די פאָדערונגען צו זאַכען, וואָס זענען אויסער אונז, האָט ניגער געזאָגט, אַזוי, למשל, זענען שטרענגער געוואָרען זיינע פאָדערונגען צו ליטעראַטור און בעזונדערס צו דער יודישער ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס פון דער סטאַדיע פון אָנהויב, ווען די מינדסטע דערגרייכונג איז אַ קרן, און זי איז געוואָרען רייכער און פערצווייגטער.

שטרענגער מיט די פאָדערונגען צום יודישען שרייבער, האָט ניגער פאָרטגעזעצט, איז געוואָרען נישט נאָר דער קריטיקער, נאָר אויך דער יודישער לייענער, וואָס איז פערשיידנאַרטיגער און רעאַליסטישער פון דעם אַמאָליגען נאַאיווען און פּרימיטיווען לייענער.

די פראַגע פון יודישען לייענער האָט צוגעפיהרט צו דער דערקלערונג, אַז פאַר אַ פערטיגען שרייבער, וואָס קומט קיין אַמעריקאַ, ווערט פערלוירן אַ געוויסע אינערליכע פערבינדונג מיט זיין קרייז לייענער. אין ניגערס רייד האָט געקלונגען אַ ציטער פון בענקשאַפט נאָך דעם פערלוסט פון דעם דאָזיגען קאָנטאַקט. ער געפינט אָבער אַ פערריכטיגונג אין דעם, וואָס „דער יודישער צייטונגס־שרייבער האָט נישט אין קיין אַנדער לאַנד אַזאַ גרויסע אוידיטאָריע ווי אין אַמעריקאַ". די יודישע פּרעסע, האָט ער געזאָגט, פערנעמט נישט אין קיין לאַנד אַזאַ גרויס אָרט ווי דאָ. צום טייל נעמט זיך דאָס פון דעם, וואָס די פּרעסע אין אַמעריקאַ שפּילט בכלל אַן אומגעהויער־גרויסע ראָלע. בעזונדערס איז דאָס אָבער דער פאַל מיט דער יודישער פּרעסע, וואָס פערנעמט דאָ אין אַ גרויסער מאָס דעם פּלאַץ פון די זשורנאַליסטען און וואָכנבלעטער, וואָס יודען האָבען געהאַט אין דער אַלטער היים.

אויפ'ן חשבון פון יודישע ליטעראַרישע פּעריאָדיקען אין אַמעריקאַ, האָט ניגער פאָרטגעזעצט, דאַרף פערצייכנט ווערען נישט נאָר די ענטוויקלונג פון יודישען זשורנאַליזם, נאָר די ענטוויקלונג פון דער יודישער דראַמע און פון דער יודישער פּאָעזיע. אין דער צייט, וואָס אין אייראָפּע זענען ענטשטאַנען די קלאַסיקער פון דער יודישער פּראָזע, זענען אין אַמעריקאַ אויפגעקומען די קלאַסיקער פון דער יודישער פּאָעזיע, וואָס איז דאָ בכלל ענטוויקעלט געוואָרען ביז גאָר אַ גרויסער הויך, און האָט דורכגעמאַכט פערשידענע ריכטונגען. אַפילו די סאַמע לעצטע ריכטונג, די פּראָלעטאַרישע, האָט אויך איהר אָנהויב אין אַמעריקאַ.

אויף דער פראַגע אויב די ענגלישע ליטעראַטור האָט געלייגט איהר חותם אויף די יודישע שרייבער אין אַמעריקאַ אין דער זעלבער מאָס, וואָס די רוסישע און דייטשע ליטעראַטורען האָבן געווירקט אויף די שרייבער אין דער אַלטער היים, האָט ניגער געזאָגט, אַז אַן אָנהויב אין דער ריכטונג איז צו בעמערקען נאָר בנוגע דעם יונגערען דור שרייבער, ספּעציעל די פּאָעטען. דער עלטערער דור שרייבער, מיט דעם איינציגען אויסנאַם פון יהואש, האָבען דאָ אין אַמעריקאַ נאָך אַלץ געשאַפען אונטער דעם איינפלוס פון די ליטעראַטורען פון זייערע לענדער.

איהר רעדט וועגן דער הויכער ענטוויקלונג פון דער יודישער פּאָעזיע אין אַמעריקאַ, ווי קומט עס, וואָס איהר האָט אַזוי ווייניג געשריבען וועגן די סאַמע מאָדערנסטע יודישע דיכטער דאָ אין לאַנד? האָט דער אינטערוויוער געפרעגט.

דאָס נעמט זיך, דערפון, האָט ניגער געזאָגט, וואָס זיין מעטאָד פון קריטיק בעשטעהט נישט אין זאָגן „יאָ" אָדער „ניין" וועגן אַ ווערק אָדער אַ שרייבער, נאָר פון כאַראַקטעריזירן דעם שרייבער אין זיין סביבה. דער עלטערער דור שריפטשטעלער ווערען ווי דער יונגערער דור. די עלטערע יודישע שרייבער זענען געווען איינגעוואָרצלט אין פאָלק און די ביידע רעפּרעזענטירן בעוואוסטזיניק אָדער אומבעוואוסטזיניג זיך אַליין. אַ חוץ דעם איז איהם בכלל אפשר געווען נעהנטער די סביבה פון די ערשטע שרייבער, ווייל ער איז אויפגעוואַקסען צוזאַמען מיט זיי און האָט זיי בעסער פערשטאַנען און געקענט, האָט ניגער געזאָגט.

וואָס איז די בולטסטע כאַראַקטעריסטיק פון דער יודישער ליטעראַטור? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט.

די יודישע ליטעראַטור, האָט ניגער געענטפערט, איז אַ ליטעראַטור פון געפיהל און פאַנטאַזיע. די אגדה. דאָס קינסטלערישע פערנעמט אין איהר דעם אויבען־אָן, אין געגענזאַץ צו דער הלכה, דער נוצליכקייט, וואָס איז געווען די הויפּט־זאַך אין דער אַמאָליגער יודישער ליטעראַטור. בכלל איז די יודישע ליטעראַטור אויסגעוואַקסען פון אַ בעוועגונג און האָט איהר באַהענטסטע פערוואַנדשאַפט מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור און די פערוואַנדשאַפט דאַרף אַקצענטירט ווערען אין דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, האָט ניגער בעטאָנט. ער האָט דערביי געזאָגט, אַז ער טוט עס טאַקע אין אַ לענגערער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, וואָס ער האַלט אין זאַמלען פאַר איהר מאַטעריאַל.

איז איצט פאַרהאַן אַ פיהרענדיגער צענטער פון דער יודישער ליטעראַטור, ווי עס איז אַמאָל געווען וואַרשע און שפּעטער ניו־יאָרק?

ניין, — האָט ניגער געזאָגט. נישטאָ איצט קיין פיהרענדיגער צענטער. די יודישע ליטעראַטור האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף פיר צענטערן — סאָוויעט־רוסלאַנד, מזרח־אייראָפּע, אַמעריקאַ און זיד־אַמעריקאַ. יעדער פון זיי האָט זיין אייגענע פּנים און זיי ווירקען איינער אויפ'ן אַנדערען.

אַזאַ פּראָגרעס פון אַ ליטעראַטור מיט צענטערן איבער דער גאַנצער וועלט — ווי קומט עס, האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט, וואָס אַזוי פיל יודישע און נישט־יודישע גויים זעהען נישט אין איהר וויכטיגקייט און חשיבות?

הויפּטזעכליך איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס זיי זענען נישט אינפאָרמירט וועגן די היסטאָרישע וואָרצלען און דער קולטור־טראַדיציע פון יודיש, האָט ניגער געזאָגט, עס האָט הערצו אויך בייגעטראָגן דער אינפעריאָריטעטס - קאָמפּלעקס פון דעם פאָלק גופא צו זיין אייגענער שפּראַך פּונקט ווי דאָס איז געשעהן מיט אַנדערע קליינע פעלקער. אָט די בעציהונג מוז אָבער בעקעמפּט ווערען. אַ גרויסע הילף אין דעם קאַמף זענען די יודישע קינדער־שולען און העכערע קורסען און די אינפאָרמאַציע וועגן יודיש, וואָס ווערט פערשפּרייט פון דער „ייוואָ" (יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט). פיל געהאָלפען אַרויסרופען אַ בעסערע בעציהונג צו יודיש וואָלט אויך דער איינפיהר פון יודיש ווי אַ לימוד אין די רעגירונגס־שולען. שוין די פּראָפּאַגאַנדע אַליין אַרום דער דאָזיגער בעוועגונג איז אַ געווינסט פאַר דעם סטאַטוס פון דער יודישער ליטעראַטור.

האָט זיך געביטען אייער שטעלונג צום ציוניזם, ווי דאָס איז דער איינדרוק פון אייערע פּובליציסטישע אַרבייטען?

— ניין, — האָט ניגער געענטפערט. — איך בין שטענדיג געווען און בין אויך איצט פאַר דער פּאָזיטיווער פּאַלעסטינע־אַרבייט, אויף וויפיל זי פּרעטענדירט נישט צו זיין אַ רפואה פאַר דער גאַנצער יודישער פראַגע. איך בין פאַר דעם ציוניזם ווי אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון יודישען לעבען, אָבער נישט ווי אַ פּראָגראַם, וואָס פּרעטענדירט צו פערטרעטען אַלע יודישע פּראָבלעמען. איך האַלט פאַר שעדליך יענע פּראָפּאַגאַנדע פון ציוניזם, וואָס שוואַכט־אָפּ דעם גלויבן פון די יודישע מאַסען אין די לענדער אויסער ארץ־ישראל.

ק. אלעף.

יודישע הענדלער ווערען מאַסענווייז בעזייטיגט פון די מערק און פערמשפּט צום הונגער־טויט

אינסברוק (י.ט.א.) פון גאַנץ דייטשלאַנד קומען אָן ידיעות וועגן אַ מאַסענהאַפטער בעזייטיגונג פון די יודישע הענדלער פון די מערק און שטאָט־האַלעס. אויך די צענטראַל־מאַרק־האַלע אין בערלין האָט בעפוילען די יודישע הענדלער פון 1־טען אויגוסט צו פערלאָזען די סטראַגאַנעס, וועלכע זיי האָבען פערנומען זייט פיל יאָהרען.

דאָס בעזייטיגען יודישע הענדלער פון די מערק איז שוין אַדורכגעפיהרט געוואָרען אין גאַנץ עסן, דאָרטמונד און אין די קלענסטע שטעטלעך.

דער מאַגיסטראַט פון פראַנקפורט אַם אָדער האָט זיך געווענדעט צו אַלע מאַרק־הענדלער מיט אַן אָנפראַגע, צי זענען זיי פון אַרישער אָבשטאַמונג און צי האָבען זיי בשעת דער מלחמה געקעמפט אויף דעם פראָנט. אַלע „נישט־אַריער" ווערען גלייך בעזייטיגט פון מאַרק.

אין איניגע פעלען האָבען די מאַגיסטראַטען נאָך איידער אינטערווענציעס געענטפערט יעזואיטיש די יודישע הענדלער, אַז סוף־כל־סוף קענען די יודישע הענדלער פערנעמען אַן אָרט אויף דעם מאַרק אָבער „אויף זייער אייגענער געפאַהר", די יודישע הענדלער קענען, נאַטירליך, פון אַזאַ „ערלויבעניש" נישט געניסען, ווייל זיי איז גוט בעקאַנט, אַז דאָס איז פערבונדען מיט לעבענס־געפאַהר.

Dr. med. **H. LUBICZ**
ספּעציאַליסט פאַר ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקה
צוריקגעקעהרט
צעגעלניאַנאַ 7, טעל. 141-32.
נעהמט אָן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאָכמ. און פון 5—8 אָווענד, זונטאָג פון 9—11 בייטאָג.

רעכט און לעבען
יורידישע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

וואס יעדער בירגער דארף וויסען
(אינטערעסאנטע רעכטליכע אויפקלערונגען)

ענטשעדיגונג פאר שאדנס און היזיקות

אויב עמיצער נעהמט אויף זיך א ציוויל־רעכט־ליכע התחייבות און ער פיהרט זי נישט אויס צום בעשטימטען טערמין, מוז ער ערטיילען דעם, לטובת וועמען די התחייבות האט געדארפט אויסגעפיהרט ווערען, א געוויסע ענטשעדיגונג. ערטיילען אנ'ענטשעדיגונג הייסט גראטיפיצירען דעם שאדען און היזק, וואס איז פערשאפט געווארען אדער קען פערשאפט ווערען צוליעב נישט אויספיהרען די גע־נומענע אויף זיך התחייבות.

ס'איז אבער פערהאן א פרינציפיעלער אונ־טערשיד צווישען א שאדען און היזק. שאדען הייסט די עוולה, וואס דער גלויביגער האט געליטען אין זיינע רעכט דורכן מיסטרויען פון בעגלויבטען. היזק הייסט אנווערען דעם ריוח, וועלכען דער גלויביגער וואלט געקאנט בעקומען, ווען די התחייבות וואלט עווענטועל יא אויסגעפיהרט געווארען.

למשל: איינער האט זיך פערפליכטעט צוצו־שטעלען א מאשין אין משך פון א בעשטימטען טערמין און ער האט די מאשין נישט צוגעשטעלט דורכ'ן דאזיגען מיסטרוי האט זיך דאס פערמעגען פון גלויביגער פערקלענערט אויף אזוי פיל, וויפיל ס'איז ווערט די נישט צוגעשטעלטע מאשין. אט די דאזיגע ווערט איז דער שאדען, וועלכען דער בע־גלויבטער מוז ענטשעדיגען.

מ'דארף אבער נעדענקען נאך אנ'אומשטאנד, און נעמליך: ווען די מאשין וואלט אין דער אפגע־רעדטער צייט צוגעשטעלט געווארען, וואלט דער גלויביגער זי געקענט בעווענען און ממילא פערדי־נען צו 15 זלאָטעס א טאג. אזוי ווי די בעשטעלטע מאשין איז אבער נישט צוגעשטעלט געווארען צו דער בעשטימטער צייט און דעם גלויביגער איז ערשט אויפ'ן 8־טען טאג נאכדעם געלונגען צו קוי־פען אנ'אנדערע מאשין, איז ער אלזא צוליב דער שולד פון בעגלויבטען געצוואונגען געווען ארומצו־דרייען זיך ליידיג אין משך פון 8 טעג און דערי־בער אנציוווערען פערדינסט 8 מאל 15 זל. ד. ה. 120 זלאָטעס.

אט די 120 זלאָטעס זענען אייגענטליך דער היזק, וועלכער דער בעגלויבטער איז דעסגלייכען אויך מחויב צו פערגיטיגען אדער ענטשעדיגען דעם גלויביגען.

פעראָרדנונג פון מלוכה־פרעזידענט וועגען געזעלשאַפטען

ווי בעקאנט, איז אין דזשענניק אוסטאוו נר. 24 פון פאריגען יאהר פערעפענטליכט געווא־רען א פעראָרדנונג פון מלוכה־פרעזידענט וועגען געזעלשאפטען.

לויט דער דערמאָהנטער פעראָרדנונג ווערען די געזעלשאפטען איינגעטיילט אין 3 גרופעס: אין איינפאכע (קלובען), וועלכע שטעלען מיט זיך נית פאר קיין יורידישע פערזאָן, רעגיסטרירטע און אל־געמיין וויכטיגע, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א יורידישע פערזאָן.

דער עולם מוז זיך אפנים קנאפ אָריענטירען אין דער דאזיגער רעכטליכער מאַטעריע, ווייל מען נעהמט א סטאַטוט פון עפעס א שוין לאנג ליקווי־דירטען פעראיין. ער שרייבט איהם בוכשטעבליך איבער און ער דערלאַנגט איהם צו רעגיסטרירען פערשטעהט זיך, אז אזא סטאַטוט ווערט נישט בע־שטעטיגט, ווייל ער ענטשפרעכט נישט די היינטיגע פערלאַנגען. מ'פערלירט אזוי אַרום צייט און געלד.

בכדי א סטאַטוט פון א געזעלשאפט זאל רע־גיסטרירט ווערען מוז ער ענטהאַלטען פאלגענדע פונקטען: 1) נאמען, 2) טעטיגקייטס־געביט און זיך־ארט, 3) ציל און טעטיגקייטס־מיטלען, 4) אופנים פון אריינטרעטען און ארויסטרעטען פון מיטגלידער זיינע רעכט און פליכטען, 5) אופן פון איינשטעלען מיטגלידס־ביישטייער, 6) מאַכטס־ארגאנען פון דער געזעלשאפט (פערוואַלטונג, אלג. פערזאַמלונג, רע־ווידיר־קאָמיסיע, שידס־געריכט), זייער קאָנסטיטואי־רונג, דערגענצונג און קאָמפעטענץ, 7) אופן פון רעפרעזענטירען אויסערליך די געזעלשאפט, 8) אופן פון דערלעדיגען סכסוכים, 9) אופן פון נעהמען אויף זיך התחייבות, 10) ענדערן דעם סטאַטוט און 11) ליקווידירען די געזעלשאפט.

אויפן סטאַטוט מוזען זיין אונטערגעשריבען 15 גרינדער (זייערע נעמען, פאמיליען־נעמען און גענויע אדרעסען). די אונטערשריפטען פון די גרינ־דער דארפען נישט ווערען רעיענ־טאליש בעשטעטיגט.

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

אבציהען א חוב פאר דירה־געלד.

אין הויז פון לאָדזער הויז־ווירט ש. פ. פיהרט א קאָלאָניאל־געוועלב א געוויסער ה. ז. קויפט איין אין דאזיגען געוועלב פערשידענע שפייז־ארטיקלען דעם הויזווירטס בני בית. ביז דער לעצטער צייט האט זיך געפיהרט אזוי. אז די ווירטין האט יעדע וואך בעצאָהלט דעם קרעמער פאר די גענומענע פראָדוקטען און דער קרעמער האט ווידער געדעקט דעם ווירט דאס בעטראפענע דירה־געלד. איין חוב מיט'ן צווייטען האט זיך נישט געמישט.

לעצטענס האט זיך אבער אזוי געמאכט, אז די ווירטין איז שולדיג געבליבען אין קרעמעל א גרעסערע סומע און עס איז נישט מעגליך געווען דעם חוב פון איהר ארויסצוקריגען. האט דאן דער קרעמער געפרובט דעם ח'ב צו פערעכענען אויפ'ן חשבון פון דירה געלד.

דער אדמיניסטראטאָר פון הויז האט אבער דערויף נישט געוואלט איינגיין און דער קרעמער איז איינגעקלאַגט געוואָרען אין געריכט פאר דירה געלד.

מצר'ן הויזווירט איז ארויסגערוקט געוואָרען די טענה, אז אראבציהען איין חוב פון צווייטען וואלט געווען נאר דאן דערלאָזבאר, ווען ביידע וואלטען געטראגען אנ'איינהייטליכען כאראקטער, ד. ה. ווען ביידע וואלטען געשטאמט פון איין און דעמזעלבען מקור: פאר דירה געלד. אזוי ווי אין דעם פאל האנדעלט זיך וועגען פערשידענע חובות (פאר דירה געלד און לעבענסמיטלען), קען קיין רייד נישט זיין וועגען אראבציהען. דאס שולדיגע דירה געלד דארף צוגע'משפט ווערען און אויב דעם לאָקאטאר קומט געלד פון דער הויזווירטין, זאל ער זי בעזונדער איינקלאָגען.

דער ענין איז דערגאנגען צום העכסטען גע־ריכט און דאס העכסטע געריכט האט ערקלערט:

לויט'ן ארטיקעל 1234 פון ציוויל קאָדעקס ווערט מען בעפרייט פון א חוב וואס מען איז שול־דיג אנ'אנדערען דורך אראבציהען דערפון דעם חוב וואס אט דער אנדערער איז שולדיג דער בעטרא־פענער פערזאָן. די ביידע חובות מוזען גאר נישט זיין קיין איינהייטליכע, זיי דארפען נאר זיין נישט קיין שטרייטבארע און פעליגע און זיך אויסדריקען אין איינהייטליכען ווערט, אין געלד אדער אין אנ'אנדערען ענטשפרעכענדען אביעקט.

דאס אראבציהען איין חוב פון צווייטען קומט פאר אויטאמאטיש און ס'דארף דעריבער דערויף גאר נישט זיין די הסכמה פון אנדערען צד.

אויף דעם סמך איז די אקציע פון הויזווירט אבגעוואָרפען געוואָרען.

סטרייק און קינדיגונג.

ארבייטער פון א געוויסער אונטערנעהמונג האבען פערסטרייקט. דער סטרייק האט זיך אפנים נישט איינגעגעבען און די ארבייטער זענען צוריק־געקומען צו דער ארבייט. דער אונטערנעהמער האט זיי צו דער ארבייט אבער שוין נישט צוגעלאָזט. טענה'דיג, אז וואָרפענדיג די ארבייט האבען זיי אליין איבערגעריסען דעם אפמאך.

די ארבייטער האבען דעם אונטערנעהמער פערקלאָגט אין ארבייטס־געריכט, מאָהנענדיג א צוויי וואכענדיגע קינדיגונג.

דאס העכסטע געריכט, וואוהין דער ענין איז ענדליך דערגאנגען, האט ערקלערט, אז אויב אר־בייטער האבען אריינגעשטעלט א געוויסע פאָדערונג צו אנ'אונטערנעהמער און די ארויסגעשטעלטע פאָ־דערונג אונטערגעהאלטען מיט א סטרייק, הייסט דאס נישט אז זיי האבען איבערגעריסען דעם ארבייטס־אפמאך און אליין אוועקגעגאנגען פון דער ארבייט, נאר פערקעהט, דאס בעווייזט, אז זיי בלייבען ווייטער פערבונדען מיט'ן ארבייטס־פּלאץ און דעריבער אויב זיי קומען צוריק צו דער ארבייט אויף די אלטע בעדינגונגען און דער אונטערנעהמער לאָזט זיי דאן מעהר נישט צו, קומט זיי א קינדיגונג אדער אנ'ענטשעדיגונג אין דער הויך פון 2־וואכענדיגען ארבייטס־לוין.

פריי פון דער פליכט לגבי פערסטרייקענדיגע

(ווייטער זעה 9־טע זייט)

סטענקא ראזין
דער ערשטער אמת'ער רוסישער פאלקס־העלד און זיין קאמף געגען צאר און פריצים

דער זאַלץ־בונט אין מאסקווע און די בונטען אין פסקאוו און נאווגאראד

געבוירען ווען סטענקא ראַזין איז געבוירען געווארען איז נישט בעוואוסט. צום ערשטען מאל ווערט דערמאהנט וועגען איהם אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גרויסען זאַלץ־בונט אין מאָסקווע, אין אנפאנג פון דער הערשאפט פון צאַר אַלעקסעי מיכאַיאָלאָוויטש ראָמאַנאָוו. דער זאַלץ־בונט איז פאָר־געקומען אין יאָהר 1646.

דאָס רוסישע פאָלק האָט דאַמאָלס שרעקליך געליטען פון די מורא'דיגע גרויסע שטייערן, וועל כען די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף די אָרימע מאַסען. דעם גרעסטען צאָרן האָט אַרויס־גערופען דער משונה'דיגער שטייער אויף זאַלץ.

דאָס פאָלק האָט זיך צובונטעוועט און איז אַפען אַרויס אין גאַס צו קעמפען געגען די שטייער־קלייבער, און אַ סך פון דעם צאַר'ס פריצים זענען דאַמאָלסט דער'הרג'עט געוואָרען.

צווישען די בונטאָווטשיקעס האָט זיך גע־פונען אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען סטעפאַן טימאָ־פייעוויטש ראַזין, וועלכער האָט איבערגענומען די אָנפיהרונג פון בונט, און האָט געפיהרט די צעווילדעטע מאַסען צום פּאַלאַץ פון מאָראָזאָוו'ן דעם יונגען צאַר'ס אַ שוואָגער, נאָכדעם ווי די פערהאַסטע צאַרישע בעאַמטע פּלעסטשעיעוו, טראַ־כאַניאָטאָוו און טשיסטוי זענען פון די מאַסען דער'הרג'עט געוואָרען.

און דאָ ווערט דערציהלט וועגען סטענקא ראַזין'ען אַ שיינע מעשה'ע:

אַריינרייסענדיג זיך אין מאָראָזאָוו'ס פּאַלאַץ, האָט סטענקא ראַזין געגעבען אַנ'אָרדער אויסצוראַבירען מאָראָזאָוו'ס רייכע קעלערען מיט וויין און שנאַפּס און זיך לאָזען וואוילגעהן. די מאַסע איז געוואָרען צעווילדעוועט און פאַר'שיכור'ט. מען האָט געבראָכען און געשטאָכען און צוראַבירט די קאָסטבאַרסטע זאַכען פון מאָראָזאָוו'ס פּאַלאַץ.

פּלוצלונג האָט די צעווילדעוועטע מאַסע זיך געשטאָלט אַריינרייסען אין אַ צימער פון דער פרוי'ען אָבטיילונג פון פּאַלאַץ. אַ סך דינער און דינסטען האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען.

— די באָיאַרינע איז קראַנק! — האָבען זיי זיך גענומען בעטען ביי דעם צעיושעטען המון.

— וואָס מיר קראַנק! וועט אַרט עס, קומט!

— האָט אַ שיכור'ער פויער זיך צושריגען, און מען האָט גענומען ברעכען די טיר.

אין אונטערגעקומען סטענקא ראַזין. דערהע־רענדיג וואָס עס קומט פאָר, האָט ער פול מיט צאָרן אַ געשריי געטאָן צום שיכור'ן עולם: אַוועק!

זיין שטים איז געווען אַזאַ שטאַרקע און דיין טאָן האָט זיך געפיהלט אַזוי פיל בעפעהל, אַז דער עולם האָט זיך דערשראָקען און האָט זיך צוריקגעצויגען. דאַן איז סטענקאַ ראַזין אַריין אין צימער. ער האָט געזעהען אַ יונגע, שעהנע פריינ־צעסע ליגענדיג אויף אַ בעט, אַ טויט־דערשראָקענע, אַנ'איינגעראָבענע אין קישען, ציטערנדיג ווי אַ בלאַט אין מיטען אָסיען.

— שרעק זיך נישט באָיאַרינע! — האָט סטענקאַ רוהיג און שטאָלץ אַ זאג געטאָן, — קיינער וועט דאָ נישט אַריינגיין און קיינער וועט אַ האָר אויף דיר נישט אָנריהרען.

אַ רויטע שעהמעוודיגקייט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער יונגער באָיאַרינע, וועלכע איז געווען מאָראָזאָוו'ס פרוי און דעם צאַר פרויס אַ שוועסטער.

— איך גלויב נישט אַז דו וועסט קענען איינ־האַלטען דעם ווילדען, גרויסען עולם, — האָט די באָיאַרינע שטיל אַ מורמעל געטאָן.

— וועל איך דיר באַלד בעווייזען! — האָט סטענקאַ, רוהיג, איהר געענטפערט, און צוגעהענדיג צום טיר האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— העי, חברה, אומעטום קענט איהר געהן, אַלץ קענט איהר צוראַבעווען, אָבער אַהער טאָרט איהר נישט אַריינגעהן. מאַרש!

— דעם בעסטען ביסען ווילסטו פאַר זיך!

— האָט אימיצער אַ מורמעל געטאָן, אָבער אַלע האָבען סטענקא'ן געפאָלגט און זענען אַוועק.

סטענקאַ איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר נאָך דער שעהנער באָיאַרינע, ביז דער פּאַלאַץ איז אויסראַבירט געוואָרען און ערשט דאַן, ווען דער מאָב איז זיך צולאָפען מיט דעם אָנראַבירטען האָב און גוטס, איז ער אַוועק.

די שעהנע באָיאַרינע האָט די גאַנצע צייט פון סטענקאַ'ן די אויגען נישט אַראָפּגענומען, און ווען ער איז אַוועק, האָט זי נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהם.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען סטענקאַ ראַזין איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די מאָסקווער באָיאַרען און מען האָט געזאָלט פערמוטשעט ווערען צום טויט, האָט איהם מאָראָזאָוו'ס פרוי אַרויסגע־ראַטעוועט און זיך ערקלערט אין ליבע צו איהם. סטענקאַ ראַזין האָט אָבער איהר ליבע נישט אָנ־גענומען.

— ווי קומט אַ פּראָסטער קאָזאַק צו דעם צאַר'ס ווייב'ס אַ שוועסטער? — האָט ער נאַאיוו אַ פרעג געטאָן.

נאָכ'ן זאַלץ־בונט אין מאָסקווע זאָל סטענקאַ ראַזין נאָך האָבען אָנטייל גענומען אין די בונ־טען פון פּסקאָוו, נאָווגאָראָד, סאָלוויטשעגאָדסק און אוסטיוג. דאַן איז ער אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען פאַר אַ שטיק צייט.

די לעבעדיג־בעגראָבענע איריגאַ, און ווי אַזוי סטענקאַ ראַזין האָט זי געראַטעוועט

באַלד פריהער, פאַר'ן אָנהויב פון זאַלץ־בונט, האָט זיך סטענקאַ ראַזין געהאַט בעוויזען אין מאָס־קווע. און עס ווערט וועגען איהם דערציהלט די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע געשיכטע:

אין דאַמאָלסדיגען רוסלאַנד איז געווען אַ געזעץ, אַז פאַר טויטען איהר מאַן, האָט מען די פרוי לעבעדיגערהייט, איינגעגראָבען ביז'ן האַלז אין דער ערד און מען האָט איהר דאָרטען געהאַלטען אָהן עסען און אָהן טרינקען אַזוי לאַנג, ביז זי פלעגט אויסגעהן.

כדי זי זאָל נישט אַנטלויפען מיט אימיצנ'ס הילף, האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי סאָלדאַטען נעבען דעם גרוב, זיי זאָלען די אומגליקליכע היטען און קיינעם נישט צולאָזען צו איהר.

איין נאַכט, געהענדיג איבער מאָסקווע, האָט זיך ראַזין אָנגעשטויסען אָן אַזאַ (אומגליקליכער לעבעדיג־בעגראָבענער פרוי. האָט ער אָנגעהוי־בען רעדען מיט די סאָלדאַטען, וואָס זענען געשטאַ־נען אויף דער שוי־ער־ליכער וואַך, האָט זיי אָב־געשיכור'ט מיט בראָנפען, און האָט די פרוי אַ־רויסגעראַטעוועט פון איהר לעבעדיגען קבר.

זי איז געלעגען אין קבר אַ מוטער־נאַקעטע, האָט סטענקאַ ראַזין איהר געגעבען זיין פעלצעל, און איז אַנטלאָפען מיט איהר. זי האָט איהם אוועק־געפיהרט ערגעץ אין אַ בעהאַלטענעם ווינקעל און פון דאָרטען האָט זי זיך דערקליבען צו אַ שטי־בעל.

און שטיבעל האָט זיך געפונען אַנ'אַלטער מאַן, דער אומגליקליכער פרוי'ס זיידע. די פרוי (איריגאַ האָט זי געהייסען) האָט סטענקאַ ראַזינ־ען דערציהלט, אַז זי איז אומשולדיג פעראור־טיילט געוואָרען צום גרויזאַמען טויט. איהר מאַן איז געווען אַ שיכור און אַ רשע, און האָט איהר גע־הרג'עט און געשלאָגען. ווען ער איז אַ שיכור'ער איינמאָל צוגעשטאַנען צו איהר, האָט זי איהם אָפּ־געשטויסען פון זיך און ער איז געפאַלען און זיך צוקלאַפּט דעם קאָפּ, פון וואָס ער איז גע־שטאָרבען.

ווען זי האָט זיך אַרומגעוואַשען און דער בלאָטע און זיך אָנגעטון אין אַ סאַראַפאַן, האָט סטענ קאַ ראַזין דערזעהן, אַז זי איז אַ יונגע און אַ שעהנע קאַ ראַזין דערזעהן, אַז זי איז אַ יונגע און אַ שעה נע פרוי. אַליין איז ער דעמאָלט אויך געווען יונג און שטאַרק, אָבער ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך פרויען.

ער איז געווען זעהר מיד און האָט זיך צו־געשפּאַרט אַפּרוהען און האָט איינגעדרימעלט. דער־מאָלט האָט די פרוי, וועלכע ער האָט געראַטעוועט פון אַ זיכער'ען טויט, צוגעשפּאַרט זיך צו איהם מיט איהר פּנים, שטעהענדיג אויף די קניע.

סטענקאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, און דער־זעהענדיג די פרוי נעבען זיך, האָט ער צאָרענדיג אַרויסגעברומט:

— געה אַוועק! געה שלאָפען!

— איך געה גלייך, אַרלערעל מיינער! — האָט זי האַרציג אַרויסגעשעפּטשעט און האָט זיך נאָך מעהר צוגעטוליעט צו איהם און גענומען מורמלען:

— אויס דאַנקבאַרקייט, טייער'ער... בלויז אַלס דאַנק פאַר ראַטעווען מיך, אַרלערעל...

און אַזוי אַרום איז זי געוואָרען זיין געליבטע.

אַ שטיק צייט איז סטענקאַ ראַזין אַנגעווען ביי איריגאַ'ן און זי איז צו איהם געווען ווי אַ געטרייע שקלאַפין, האָט יעדען וואונש זיינעם אָפּגעפּלעגט, און האָט פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר איהם, אַבי איהם געפעלען צו ווערען.

ווען ער איז אַוועק צוריק אויפ'ן דאָן, צו־זיינע קאָזאַקען, האָט ער אָן איריגאַ'ן נישט פערגעסען. אָבער צוריקפאָהרען צו איהר האָט ער נישט געקאָנט. די מאָסקיווער באָיאַרען און די שפּיאָנען פון צאַר האָבען זיך דערוואוסט, אַז ער איז געווען דער אַנפיהרער פון דעם זאַלץ־בונט, און זיי האָבען איהם אַרומגעזוכט. וואָלטען זיי איהם געכאַפּט, דאַן וואָלט ער, פּונקט ווי זיין עלטערער ברודער איוואַן, געענדיגט זיין לעבען אין „ראַזבאָינע" (אַ טורמע, וואו מען האָט די אַרעסטירטע פערפיניגט צום טויט).

(ווייטער קומט)

ניַיער פֿאָלקסבלאַט

דאס לאדזער לעבן

ניַיער פֿאָלקסבלאַט

זונטאג

6

יד

מנחם אב תרצ"ג

אויגוסט

זון-אויפגאנג 4.

זון-אונטערגאנג 7.22

די גרויסע לעגיאנען-פייערונגען אין לאדז

נעכטען האבען זיך אין לאדז אנגעהויבען די גרויסע לעגיאָן פייערליכקייטען וואס וועלען דויערן אויך איבערן היינטיגען טאג, די פייערליכקייטען קומען פאר אין צוזאמענהאנג מיט'ן טאג פון 6. שטרפיען, דעם 19־יאהרטאג ווען די לעגיאָנען האבען אנגעהויבען דעם געווער־קאמף פאר דער פוילישער אונאפהענגיגקייט.

שוין באַכמיטאג זענען די היזער פון שטאט דעקארירט געוואָרען מיט באַציאנאלע פאהנען.

האלב זיבען פארנאכט האבען זיך אויף דאמבראווסקא פלאץ אנגעהויבען זאמלען פערשידענע ארגאניזאציעס מיט זייערע פאהנען און האבען אַרויסמארשירט אויף פלאץ וואָלנאשטשי.

האלב 8 האט דער לעגיאָניסטען פערבאנד געלעגט א קראנץ אויפ'ן קאשטשושקאָ־דענקמאָל.

אין דער צייט האבען פון אלע זייטען אנגעהויבען אנצוקומען שטאפעטען פון די פאוויאטען מיט'ן חלעגאט פון דעם זאמעל־אַקציע אויף אַ 'אַעראָפלאַן אַלס מתנה פון דער לאדזשער וואיעוואודזטווע, די בעריכטען האט אנגענומען דער לאדזשער וואיעוואדע קאמיקע באוואק.

די ארגאניזאציעס האבען דאן אַרויסמאַרשירט אין פאניאטאווסקי־פּאַרק וואו ס'איז אויסגעלייגט געוואָרען אַ פייער־לאגער. ראפארטען האבען אנגעגעבען דער וואיעוואדע און גענעראל מאלאכאווסקי פארשטעהער פון פערשידענע ארגאניזאציעס.

האלב צוויי האבען איבער דער שטאַט ארומגעקרייזט אעראפלאַנען.

היינט וועלען זיך די פייערליכקייטען אנהויבען 7 אַ זייגער אינדערפריה מיט עטליכע אָרקעסטערס, די דעפילאדע וועט פארקומען האלב 10, דאן וועלען פארקומען נאך אַ רייהע פייערליכקייטען.

דעפעשע פונ'ם לאדזער וואיעוואדע
צו דעם צוועלפטען לעגיאָניסטען-צוזאמענפאהר

דער לאדזער וואיעוואדע, ה' אַלעקסאנדער האוקע־נאוואק האט אַרויסגעשיקט קיין ווארשא אויפ'ן אדרעס פונ'ם פּוילק. סלאוועק פאלגענדע דעפעשע אין שייכות מיט'ן 12־טען לעגיאָניסטען־צוזאמענפאהר.

„גישט קאָנענדיג נעהמען קיין דירעקטען אַנטייל אינ'ם 12־טען לעגיאָניסטען צוזאמענפאהר, מחמת די לאקאלע פייערליכקייטען שיק איך איבער אויף דעם וועג די פערזאמעלטע קאלעגען די היינטיגע וואַרעמסטע גרוסען. אַז דער גרויסער היסטאָרישער טאג פונ'ם 6. אויגוסט, זאל היינט־יאהר ווערען פאַר אונז דער אנהויב פון ביַיע הערליכע טאטען פאַר דער מאכט פונ'ם פוילען און איהר מלוכהישער פאזיציע, איך ווינש אויך, אַז דער דאזיגער טאג זאל געבען מעהר פערזענליכען גליק פאַר אַלע דיסציפלינירטע רייהען. וואס מארשירען תמיד טריי און נאָך־פערוויליג נאָך זייער פערזענליכען קאָמענדאַנט".

פון האנדעלס-געריכט

אין די לעצטע טעג איז אין האנדעלס־געריכט אַריינגעגעבען געוואָרען אַ בקשה פון די סינדיקס פון דער אופּאַדלאַשטש-מאַסע פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור", מען זאל ערלויבען דער פערוואַלטונג פון דער מאַסע, צו בעצאַהלען אין משך פון דער אופּאַדלאַשטש-צייט, דער פינאַנץ-מאַכט, די חובות פון פערמעגענס-שטייער, אָהן פּראַצענט און שטראַף פאַר אָפּשלעפּען, און אין ראַטעס און טערמינען, לויט'ן איינזעהן פון דער מאַסע-פערוואַלטונג.

פון די ביכער איז צו זעהן, אַז ביז'ן 3 מערץ ה. י. האָט די פירמע אַ פערלעגענעם פערמעגענס-שטייער פון 220,000 זל.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון געריכט איז בעשלאָסען געוואָרען נאָכצוקומען די אויבענדערמאָנטע בקשה.

* * *

דאָס געריכט האָט בעשטעטיגט דעם פערבאַנד פון די בעלי-חובות פון דער באַנקראָטירטער פירמע „אַלבין", קילינסקי 99. און בעשטעטיגט אַלס סינדיק סטאַניסלאַוו האַמבורג.

* * *

דאָס געריכט האָט אָפּגעוואָרפען דעם פּאָרשלאַג פון סינדיק פון דער באַנקראָטירטער פירמע קורלאַ קאַלינסקאַ, נאַוואָמיעסקאַ 19, צו ערלויבען צו פערקויפען דאָס פערמעגענס פון דער אופּאַדלאַשטש-מאַסע, וואָס בעטרעפט 4,78 זל. און מיט דער דאָזיגער סומע צו פיהרען דעם באַנקראָט.

עס האלט ווידער ביי א שטרייק
אין דער גאַנצער טריקאָטאַזש-אינדוסטריע—גרויסער, מיטעלער, קליינער

(2) טראָץ דעם, וואָס עס האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערשרייבען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך אין דער קליין־אינדוסטריע פון די טריקאָטאַזשניקעס, רוקט זיך דער ענין נישט פון אָרט, באַר, פערקעהרט, עס האַלט גאָר דערביי, אַז די גאַנצע טריקאָטאַזש־בראַנזשע זאָל פערשטרייקען.

די סיבה דערפון איז, וואָס אויך די גרויסע און מיטעלע פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך אונטערגעשריבען, האַלטען זיך נישט ביי איהם, טענה'נדיג, אַז די קליינע פאַבריקאַנטען וואָס האָבען דעם אָפּמאַך נישט אונטערגעשריבען, האָבען פריַיע הענד צו קאָנקורירען מיט זיי.

לויט דער מיינונג פון דער קליין־אינדוסטריע זאָל זיך שוין דער שטרייק אָנהויבען מאָרגען, מאָנטאג ד. 7. ד. ח.

אויך אין דער פּאַנטאָפעל־אינדוסטריע איז מען נאָך דערווייל נישט געקומען צו קיין טאַלק.

שארפער קאנפליקט מיט די אנגעשטעלטע
אין דער לאדזער קראנקען־קאסע

(2) אַנגעהענגיג פונ'ם קאָנפליקט מיט די דאָקטוירים אין דער לאדזער קראַנקען־קאַסע, איז לעצטענס אויך אויסגעבראָכען אַ שאַרפער סכסוך צווישען דער מאַכט פון דער קאַסע און די אַנגעשטעלטע.

עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פעסטשטעלען נייע לוין־גרופען פאַר די אַנגעשטעלטע, פערשידענע צירקולאַרען פונ'ם קראַנקען־קאַסע־דירעקטאָר ה' דוואָרסקי און די פראַגע וועגען פערזיכערען די אַנגעשטעלטע מיט קויהלען.

מיט דעם ענין האָט זיך פּראַאינטערעסירט די צענטראַלע פון ז.ז.פ.אָ. אין וואַרשא, און ס'איז אַ סברא, אַז דאָס מיניסטעריום פאַר געזעלשאַפטליכער שוץ וועט וועגען דעם אינטערווענירען אין דער לאדזער קראַנקען־קאַסע.

א זיסער קעלער
פון וועלכען דעם באלעבאס איז זעהר ביטער

(2) ישראל זאַכאַראָוו (ציגעל-גאַס 16) האָט מיט עטליכע וואָכען צוריק געקויפט אַ גרעסערען טראַנספּאָרט צוקער פאַר אַ'ערך 3 טויזענד זלאָטעס און אָפּגעשטעלט איהם אין קעלער.

אַזוי איז דער צוקער דאָרט געשטאַנען אין זעק איינגעפּאַקט, און געוואַרט אויף דער צייט, ווען מ'וועט דאַרפען צו איהם אָנקומען.

און נעכטען, אַז דער געוועלבער זאַכאַראָוו האָט אַריינגעבליקט אין קעלער, כדי צו זעהן, ווי עס שטייט זיין צוקער, איז איהם פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען: פונם גאַנצען צוקער איז געוואָרען איין שיטערע ווייסע קאַשע, וואָס האָט זיך צופלאָסען איבער'ן קעלער...

דאָס האָט געמאַכט, אַ סברא, דער לעצטער רעגען, וואָס האָט זיך אַריינגעקריגען אינם קעלער.

א שרפה אין א מאנופאקטור=סקלאד

(2) עהערנעכטען אין אָוענד איז אויסגעבראָכען אַ שרפה אין יחיאל פרידמאַנס מאַנופאַקטור-סקלאַד (פּילסודסקיעגאָ 31).

אַזוי ווי דער באַלעבאָס פונ'ם סקלאַד איז געווען אויף זומער וואוינונג אין ווישניאָווע גורע, האָט מען געמוזט אויפרייסען די טיר און נעהמען זיך צום לעשען.

דאָס לעשען האָט בסך הכל געדויערט עטליכע מינוט, אָבער דאָך זענען די היזקות גאַנץ גרויסע.

פעסטגעשטעלט זענען זיי נישט געוואָרען, וויַיל, ווי געזאָגט, איז פרידמאַן געווען אויפ'ן דאָרף.

עס ווערט געפיהרט אַן'אויספאָרשונג וועגען דער סיבה פון דער שרפה.

א „מזל'דיגער" ארבייטסלאזער
וואס ענדיגט די שפיל זעהר שלים=מזל'דיג

(2) עהערנעכטען אין אָוענד האָט זיך ביים טייכעל אשיעניא עפּיס אַ „באַנקיר" אוועקגעשטעלט שפּילען מיט'ן פערביַיגייענדען עולם אין „דריי קאָרטען".

אייגער פון די דורכגייער, דער אַרבייטסלאָזער זעגאַן אַנדזשעיעווסקי (ושגאָווסקאַ 85) האָט אויך געשפּילט און געוואונען 90 זלאָטעס.

דער „באַנקיר" האָט איהם דאַן אָפּגערופען אין אַ זייט, און געפאָדערט. ער זאָל צוריק אָפּגעבען ס'געלד.

אַנדזשעיעווסקי האָט געזאָגט – לאָ.

וואָס טייטש „לאָ" — האָט דער „באַנקיר" מיט זיינע חברים גענומען און צושטאָכען איהם ווי גרויס ער איז און מ'האָט איהם אין אַ שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

די מעסער-שטעכער זענען ענטלאָפען.

צירקולאר וועגען פערשפעטיג-טע אויסקויפען פאטענטע

(א) די לאדזער פינאַנץ-קאַמער האָט בעקומען אַ צירקולאַר מכוח שטראָפען פאַר'ן פערשפּעטיגטען אויסקויפען פּאַטענטען, און אויף דעם דאָזיגען יסוד האָט זי אַרויסגעגעבען ענטשפּרעכענדע פעראָרדנונגען צו די פינאַנץ-אַמטען.

אויפנאהמס-שעה'ן פון דעם לאדזער רעגירונגס-קאמיסאר

דער לאָדזער רעגירונגס-קאָמיסאַר, ה' וואָיעוואָדזקי נעהמט אויף פּובליק אינטערעסאַנטען, חוץ שבת, זונטאָג און חגא – פון 10 ביז 12 פאַרמיטאָג.

שבת ווערען אויפגענומען בלויז שטאָטישע בעאַמטע.

אורלויבען אין דער וואיע-וואודזטווע

(2) נעכטען האָט אָנגעהויבען זיין אורלויב דער פערטרעטער פונם נאַטשעלניק פון דער זיכערקייטס-אָפּטיילונג ביי דער וואָיעוואָדזטווע, ה' לעאָן בערקאָוויטש.

דער פערמעגענס שטייער ווערט שויז איינקאסירט

(אג) די היגע שטייער אַמטען זענען צוגעטרעטען אַרויסצושיקען די נאָקאַזען אויפ'ן פערמעגענס שטייער, וואָס דאַרף אויפ'ן יסוד פון אויסזאַץ פון 24 מערץ 1933 געצוימען ווערען אין די יאָהרען פון 1933 ביז 1937.

א ליציטאציע פון רויהע-לעדער אין פוילען

(אג) דינסטאָג דעם 8 ד.ח. קומט פאָר אין פוילען אַ ליציטאַציע אויף רויהע לעדער. עס וועלען ליציטירט ווערען 2500 פעלען פון בהמות אָהן הערנער און קעפּ, 6000 פעלען פון קעלבער, 700 שעפּסען פעלען ווי אויך פערשידענע אנדערע פעלען.

קאנפערענץ פון רעגירונגס - קאמיסאר
מיט די לייטערס פון דער עווידענץ=ביורא פאר דער בעפעלקערונג

(2) נעכטען האָט דער לאָדזער רעגירונגס־קאָמיסאַר, ה' וואָיעוואָדזקי, אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט דער לייטונג פון דער עווידענץ־ביוראָ פאַר דער בעפעלקערונג.

די לייטערס פונ'ם ביוראָ: יוזעף וואַלאַשאָווסקי און אַבראַהאַם וויסאָצקי האָבען רעפערירט פאַר'ן קאָמיסאַר דעם צושטאַנד פון די אַרבייטען ביים צונויפשטעלען אַ רעגיסטער פון די לאָדזער איינוואוינער, וועלכער דאַרף דינען אַלס יסוד און מאַטעריאַלען ביים צונויפשטעלען די צוקונפטיגע וואַהל־ליסטעס צום שטאָט־ראַט.

—==):0:(==—

בעשטימט א קאמיסיע
צו סקאסירען אדער פערקלענערן די הייל=קאסטען אין די שטאטישע שפיטעלער

(2) עהערנעכטען האָט דער לאָדזער רעגירונגס קאָמיסאַר, ה' וואָיעוואָדזקי, באַכ'ן אויסהער'ען די רעפעראַטען פון די לייטערס פון בעזונדערע וועלבסט פערוואַלטונגס־אָפּטיילונגען — אָנגענומען 20 דעצידענס אין פערשידענע שטאָטישע ענינים.

צווישען אַנדערען זענען בעשטימט געוואָרען אין אַ קאָמיסיע, וואָס איהר אויפגאַבע איז צו סקאַסירען אָדער פערקלענערען די הייל־הוצאות אין די שטאָטישע שפּיטאַלען: ה' סטאַניסלאַוו קעמפּנער (פאָרזיצער) און די ה"ה יחיאל יצחק בערמאַן, ע. אַבדזשעיאַק, ד"ר ע. מיטעלשטעט, און ד"ר מאָטשעיעווסקי (אַלס מיטגלידער פון דער קאָמיסיע).

אז מען וויל
שיקט אפ די באהן באגאזשע א היים

(2) לעצטענס איז אויך פרוב איינגעפיהרט געוואָרען אויף די באַהנען אַן'איבאָוואַציע, וואָס בעשטעהט אין דעם, אַז די פוילישע מלוכה־באַהנען נעהמען זיך אונטער צוצושטעלען די פּאַסאַזשירען זייער באַגאַזש אַהיים.

לעת עתה האָט אַ פּאַסאַזשיר געמוזט אָנקומענדיג אויפ'ן אָרט פון זיין רייזע, אַליין אָפּנעהמען דעם באַגאַזש, אָדער שיקען נאָך איהם.

לעצטענס האָט די באַהן־מאַכט איינגעפיהרט, אַז אויב דער פּאַסאַזשיר דריקט אויס אַ פערלאַנג ביים אויסקויפען זיין בילעט און בעצאָהלט פאַר'ן באַגאַזש, אַז מען זאָל איהם דעם באַגאַזש צושטעלען אויפ'ן אָנגעוויזענעם אַדרעס — ווערט טאַקע דער באַגאַזש אָפּגעשיקט צום פּאַסאַזשיר אַהיים.

די דאָזיגע איבאָוואַציע איז איינגעפיהרט געוואָרען אין וואַרשא און אין די שטעט, וואו עס געפינען זיך באַהן־דירעקציעס, און חוץ מזה אויך אין לאָדז, זאַקאָפּאַנע, קראָקע.

ערב א נייע אקציע פון די טעקסטילאוצעס

(א) דער קאלעקטיווער אפמאך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, וואס איז געשלאסען געוואָרען אין אנהויב אפריל ה. י. פערפליכטעט, בידוע, ביז'ן 30 סעפטעמבער ה. י. מיט א קינדיגונגס-בעדינג אויף א חודש פריהער.

אויב די קינדיגונג קומט נישט, ווערט דער אפמאך אויטאמאטיש פערלענגערט אויף א חודש ווייטער.

אויב דער ערשטער קינדיגונגס-טערמין פאלט אויפ דעם 1 סעפטעמבער, מאכען שוין די פראַפעסיאנעלע פעראיינען און פיהרען אדורך בעזונדערע קאלקולאציעס, בכדי — אין פאל פון א נויטיגקייט — ארויסצוטרעטען מיט פערטיגע פראַפאזיציעס בנוגע א נייעם אפמאך.

עס ווערט אויך גלייכצייטיג געפיהרט א לעבהאפטע אקציע צו ארגאניזירען אלע טעקסטילאוצעס אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

מכוח'ן שמוץ אויף די הויפען

ווענדונג פון דער שטאטישער סטאראסטווע

טראץ די ארויסגעגעבענע פעראָרדנונגען און אנווייזונגען, האט די לאָדזער שטאטישע סטאראסטווע ווידער פעסטגעשטעלט דעם אנטיסאניטארען צושטאנד פון בעוונדערע הויפען, גאסען און פלעצער.

אין שייכות דערמיט ווענדעט די סטאראסטווע די אויפמערקזאמקייט דערויף, אז דאס נישט-צופאסען זיך צו די פערפליכטענדע סאניטאר-פארשריפטען וועט ברענגען צו שטרענגער שטראף-פעראנטווארטליכקייט.

די סטאראסטווע דערמאהנט דערביי, אז די גאסען מוזען ווערען בעגאסען דריי מאל טעגליך און די טראטוארען איין מאל אין טאג (אינדערפריה).

צוגרייטונגס-ארבייטען

ביים בויען וואסערלייטונג אין לאדז

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער לאדזער רעגירונגס = קאמיסאר, ה' וואצלאוו וואיעוואודזקי ארויסגעגעבען אן'אויפטראג דער קאנאליזאציע- און וואסער = לייטונג = אונטערנעהמונג צו אנהויבען די צוגרייטונגס-ארבייטען ביים בויען די וואסער-לייטונג אין לאדז.

דערוויל האנדעלט זיך עס וועגען קארעגירען דעם פלאן און די קאלקולאציע, וואס דער אינזש. לינדסלעי האט בשעתו אויפגעשטעלט.

וועגען דעם ענין איז געקומען קיין לאדז אן'עקספערט פון אינערן-מיניסטעריום ד"ר אינזש. ראמואלד ראסלאנסקי — דאצענט פון לעמבערגער פאליטעכניקום.

יודיש טעאטער „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20, דיר.: ד. צעלמייסטער

היינט, זונטאג, 9 אווענד קומט דער גאנצער לאדזער טעאטער-עולם בעגריסען דעם גרויסען גאסט, ליבלינג פון אלע וועלט-טיילען, קעניג פון דער איראפעאישער אפערעטע

מיכאל מיכאלעסקא

מיט'ן אנטייל פון דער אמעריקאנער פרימאדאנע (די נאכטיגאל פון דער יודישער ביהנע) בעטי סימאנאוו

צוזאמען מיט דעם גאנצען אפערעטען-אנסאמבל, ארטיסטען, כאר, ארקעסטער, באלעט אין דעם אמעריק. אפערעטען-שלאגער

דער לעצטער טאנץ

העכסט-מוזיקאלישע און פייפערבינע אפערעטען-שפיל אין 3 אקטען, 6 בילדער פון י. פריימאן.

מוזיק: אלעקס אלשאנעצקי. רעזשי: מיכאל מיכאלעסקא.

דאס טעאטער איז לופטיג און גוט ווענטילירט.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע"-טעאטער.

ערשטער יאהרצייט נאכ'ן טויט פון ד"ר סעווערין שטערלינג

נעכטען, דעם 5-טען אויגוסט איז געוואָרען א יאהר, ווי ס'איז געשטאָרבען ד"ר סעוו. שטערלינג.

די מעדיצינישע וועלט, ווי בכלל די גאנצע געזעלשאפט האט עהרענהאפט געפייערט דאס אנדענקען פון פערשטארבענעם.

ס'דערמאנען זיך ביי דער דאזיגער געלעגענהייט זיינע אייגענע ווערטער, וועלכע ער האט געזאגט אין יאהר 1924 אויף א פייערליכער זיצונג פון דאקטוירים-פעראיין, ביים 35-יעהריגען יובילעאום פון זיין מעדיצינישער פראקטיק:

— „די, פון אייך, קאלעגען, וועמענס אמביציע ס'גייט ווייטער פון זאמלען גראשענס — געדענקט אין דעם איצטיגען מאמענט; געדענקט, ווי מיט דער פולער מאס, בעצאהלט די געזעלשאפט פאר צהרליכער, אפפערוויליגער בעציהונג צום לעבען".

און ווירקליך, פון דעם אופן ווי די געזעלשאפט האט געפייערט דעם אנדענקען פון ד"ר שטערלינג, קאנען מיר זיך מאכען א בעגריף פון דעם פערלוסט, וואס די געזעלשאפט האט געהאט מיט זיין טויט.

דעם 25 אקטאבער פ. י. האט דער ווארשעווער דאקטוירים-פעראיין געפייערט זיין אנדענקען.

דעם 22 נאוועמבער פ. י. איז אין זאל פון לאדזער שטאט-ראט פארגעקומען אן'אקאדעמיע פון לאדזער דאקטוירים-פעראיין, וואו דער פערשטארבענער איז געווען לאנג-יעהריגער פרעזעס. די דאזיגע אקאדעמיע האט צוגעצויגען א גרויסען עולם, צווישען וועלכע ס'האבען זיך געפונען מעהרערע בעריהמטהייטען פון דער וויסענשאפטליכער וועלט אויך אויסער לאדז.

זיינע נאהענטסטע מיטארבייטער און פריינד האבען פערעפענטליכט אין דער מעדיצינישער פרעסע א רייה ארטיקלען און אבהאנדלונגען וועגען דער פערזענליכקייט און גרויסע מעלות פון פערשטארבענעם. זיינע וויסענשאפטליכע אויפטוען פאר דער פוילישער מעדיצינישער וויסענשאפט.

די פערוואלטונג פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל האט בעשלאסען אנצורופען די אינערליכע אבטיילונג פון שפיטאל אויף זיין נאמען.

דער לאדזער מאגיסטראט האט בעשלאסען אנצורופען איינע פון די גאסען אויפ'ן נאמען פון ד"ר סעווערין שטערלינג.

די לאדזער דאקטוירים-געזעלשאפט האט אויפגעשטעלט זיין ביוסט אין זיצונגס-זאל פון דער געזעלשאפט. גלייכצייטיג איז געשאפען געווארען א פאנד, אויף זיין נאמען פאר דעם בעסטען ווערק צו בעקעמפען די שווינדזוכט. די פרעמיע וועט ווערען פערטיילט יעדע 3 יאהר.

דעם 20 אווגוסט וועט ארויס א ספעציעלער נומער פון דער „גאזעטא לעקארסקא" וואו דער פערשטארבענער איז געווען לאנגיעהריגער מיטארבייטער — געווידמעט זיין אנדענקען. אין דעם דאזיגען נומער וועלען זיך בעווייזען ארטיקלען פון זיינע נאהענטסטע מיטארבייטער וועגען זיין שעפערישער טעטיגקייט אויפ'ן מעדיצינישען געביט.

ס'איז נישטא קיין איין געביט פון מעדיצינישען, אדער סתם געזעלשאפטליכען לעבען, וואו מ'זאל נישט שפירען דאס פעהלען פון אזא שטארקער פערזענליכקייט ווי ס'איז געווען דער ד"ר סעווערין שטערלינג.

די דאזיגע ליכטיגע פערזענליכקייט וועט דינען נישט נאר דעם איצטיגען, נאר אויך דעם שפעטערדיגען דור מעדיצינער, אלס אן'אידעאל פון א גרויסען מעדיצינער, און א גרויסען מענש.

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר אוירען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל. 127-81

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 11-1 און פון 2-3 נאכמ.

ד"ר מעד. מ. העללער

ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע

8 טראַוגוטא 8 טעל. 17989.

נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4-8 אוו.

פאר פרויען א ספעציעלע ווארטע-זאל.

אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

ארטאפעדישער אנשטאלט

בראטעזען, גארסעטען, ארטאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאטפוס-איינלאגען נעבען פיסשמערצען אלס נאך גיפס-אבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פיעטריקאווער 119, טעל. 231-81

ר. אײזראַעל

דירעקטאר אדאלף גאלד

סענסאציאנעל-שפאנענדער ראמאן פון יודישען לעבען

14

— ניין, פרוי וויס איז מעהר נישטא, זי איז שוין אוועק.

— גוט, איצט געהט איהר אויך אוועק, האט אדא געזאגט צו טאובע, און איך וועל זיך צוגרייטען אויסצופאהרען פון דער דאזיגער שטאט, וואו איך בין אזוי פיל צרות אויסגעשטאנען.

— נו, איך וויס נישט צי די אויספארשונגס-מאכט וועט אייך ערלויבען איצט צו פערלאזען די שטאדט, א שטיקעל שייכות צו דער גאנצער געשיכטע האט איהר דאך.

— אבער ווען די מערדערין האט זיך צוגעשטעלט און איז זיך אליין מודה אין פערברעכען, וואס האב איך מעהר פארא שייכות דערצו. אדא האט נישט געוואוסט, אז די האטעל-דירעקציע האט בעקומען א בעפעהל נישט ארויסצולאזען אדא'ן ביז די אויספארשונגס-מאכט וועט ערלויבען. די פאליציי אליין האט נישט געוואלט דערוויל געבען קיין בעפעהלען און פערהאלטען די בעריהמטע ארטיסטקע, וועלכע איז אגב אויך געווען א פראנצויזישע אונטערטאנין. ערשט איצט, ווען אדא האט זיך געווענדעט צו דער האטעל-דירעקציע נאך א רעכנונג און נאך איהרע דאקומענטען, האט מען איהר אויפען סאמע העפליכסטען אופן געגעבען צו פערשטעהן, אז זי קען נישט דערוויל פערלאזען דעם האטעל. ערשט איצט האט אדא פערשטאנען וועגען וואס עס האנדעלט זיך און אהן שום ווידערשטאנד איז זי צוריק ארויף צו זיך אין צימער.

פאר דער אויספארשונגס-מאכט איז געשטאנען א פרוי, א שעהנהייט, איינגאנצען אלט אפשר 26 יאהר, גלייך און שלאנק ווי א יונגער בוים מיט קלאהרע בלויע אויגען, בלאנדע האהר און רעגעלמעסיגע שטריכען. ביים ערשטען אנבליק האט מען בשום אופן נישט געקענט בעמערקען, וואס פארא שרעקליכע טראגעדיע די דאזיגע פרוי לעבט איצט איבער, וואס עס טוט זיך אין איהר הארץ און אין איהר נשמה.

— איך האב זיך צוגעשטעלט אפשר צו שפעט האט די פרוי געזאגט צו א בעאמטען, וועלכען זי האט געהאלטען פאר דעם עלטסטן און וויכטיגסטען צווישען אלע אנדערע — אבער איך האב אנדערש נישט געקענט, איך האב נאך געדארפט צו ערלעדיגען עטליכע זעהר דרינגענדע ענינים, ווייל אזוי שנעל וועל איך שוין נישט קענען זעלבסשטענדיג מיינע ענינים ערלעדיגען.

— דאס קאן מען נישט וויסען, מאדאם, האט דער בעאמטער געזאגט, דערוויל וויס איך נאך גארנישט.

— איהר וועט עס באלד וויסען. איך האב ערמארדעט נעכטען נאך 12 א זייגער ביינאכט דעם לאדזער פאבריקאנט ברונא וויס, וועלכער האט גע וואוינט טאקע אין דעם דאזיגען האטעל אין א נומער ווייטער, והגו איהר געפונט זיך איצט.

— איהר רעדט גאנץ אפיציעל, מאדאם, אבער מיר זענען געוואוינט דאס אנדערש, ענטשולדיגט, אויב מיר ווילען אייך שטעלען פראגען.

— [illegible]ישטענס, ווי איז אייער נאמען און פאמיליען-נאמען?

— אפשר וואלט דאס געקענט זיין די „לעצטע פראגע? האט די פרוי געענטפערט מיט א פראגע. איהר קענט אייך פארשטעלען, אז קיין כבוד וועט די דאזיגע געשיכטע נישט ברענגען מיין נאמען און פאמיליען-נאמען.

— ס'טרעפען זיך פערשידענע זאכען, ס'ווענדעט זיך נאר אין די אומשטענדען, וואס פיהרען צו דעם פערברעכען.

— אויב ס'וואלט טאקע אזוי געווען, האט די פרוי מיט א שמייכעל געזאגט, בין איך זיכער. אז פיל מענשען וואלט מיין טאטען בערעכטיגט, אויב נישט בערעכטיגט וואלטען זיי איהם נישט פעראורטיילט. ליידער איז עס נישט אזוי, ביי אונז אורטיילט מען וועגען דעם פערברעכען גופא, און ניט וועגען די אומשטענדען.

דער בעאמטער, וועלכער האט געפיהרט די אויספארשונג. האט דער דאזיגער עהרליכער פרוי געקוקט אין איהרע שעהנע אויגען אריין אויף אזא אופן, ווי ער וואלט געוואלט אדורכקוקען אין איהרע געדאנקען אריין, ווי ער וואלט געוואלט וויסען וואס עס טוט זיך ביי איהר אינעווייניג. די פרוי האט דאס בעמערקט און אן'אנגענעהם געפיהל האט זי ארומגענומען. זי האט גלייך דערפיהלט א טיפע סימפאטיע צו דעם דאזיגען בעאמטען וואס מען רופט באנעצקי. דאס איז געווען א הויכער שטארקער בלאנדין מיט טיפע קלוגע אויגען. דאס זעלבע סימפאטיע - געפיהל איז אויך געבוירען געווארען ביי דעם בעאמטען און אין דער אטמאספערע איז פארגעקומען די ערשטע אויספארשונג.

— ווען איהר פערלאנגט אויפצוגעבען דעם נאמען צום סוף פון דער אויספארשונג, איז ביטע זעהר, איך האב גארנישט געגען דעם. אויב אזוי, וועל איך אייך פרעגען ווי לאנג איהר קענט שוין ברונא וויס.

— אנ'ערך 8 יאהר.

— ווי אלט זענט איהר דען איינגאנצען?

— 26 יאהר. איך האב איהם בעקענט, ווען איך בין אלט געווען קוים 18 יאהר.

— זענט איהר פערהייראט?

— יא.

— האט איהר קינדער?

— ניין.

— האט איהר געוואוסט, אז ברונא וויס איז פערהייראט?

— פערשטעהנדליך, אז איך האב דאס געוואוסט זיין פרוי איז ניוטא קארן, מיינס אנ'אלטע בעקאנטע.

— וואו איז אייער שטענדיג וואוין-ארט?

— אין לאדז וואוין איך שטענדיג, דארט געפינט זיך מיין וואוינונג און מיין מאן.

— נאך וואס זענט איהר געקומען קיין ווארשא די לעצטע טעג?

— איך בין נאכגעפאהרען ברונא וויס, איך האב געוואוסט, אז ער פאהרט אהיים.

— האט איהר געוואוינט מיט ברונא וויס אין איין האטעל-צימער? האט באנעצקי געפרעגט, ארופ לאזענדיג דעם קאפ.

— ניין, כ'האב געוואוינט אין האטעל „בריסטאל". דאס איז געווען נאר לפנים, פאר מענשען, פאר פרעמדע, אין אמת'ן בין איך געקומען יעדען טאג אין אווענד צו ברונא וויס אין האטעל-צימער און פערברענגט מיט איהם די גאנצע נאכט.

— גלאט אזוי, פלאטאניש?

— מיר האבען געהאט געשלעכטליכע בעציהונגען צווישען זיך.

— זענט איהר געווען פערליבט אין איהם?

די פרוי האט זיך געווישט דעם שוויס וואס איז איהר ארויסגעטרעטען אויפ'ן שטערן. מ'האט געזעהען, ווי שווער ס'איז איהר צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראגען. איידער זי האט געענטפערט אויף דער לעצטער פראגע. האט זי זיך א ווייל פערטראכט.

(פארזעצונג קומט)

אַפּטייקן

היינטיגע נאַכט־דיזשורן

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירן: א. פּאָטאָש (פּלאַץ קאָשטשעלני 10) א כאַרעמזא (פּאָמאָרסקא 12), ע. מילער (פּיעטריקאָווער 46), מ. עפּשטיין פּיעטריקאָווער 225) ז. גאָרטשינסקי (פּשעיאַזד 59), פּ. אַנטאָניעוויטש (פּאַביאַניצער 50).

איבערגעפאַהרן

(א) אויף וואָלטשאַנסקאַ 4 איז אַן אויטאָ איבערגעפאָהרן די 53 יעהריגע חוה גאָלדשטיין (פון קאָמיעננאַ 43).

זי האָט זיך שטאַרק צוקאַליעטשעט דעם קאָפּ און דעם גאַנצן קערפּער.

פּאָגאָטאָוויע האָט איהר ערטיילט ערשטע הילף.

נייע אָפּטיילונג פון „פּראַצאַ"

(2) נעכטען האָט דער לאָדזער פּראָפעסיאָנעלער טעקסטיל־פעראיין „פּראַצאַ" געעפענט זיין אָפּטיילונג אין ביאַליסטאָק.

אומגליקן ביי דער אַרבייט

(2) די 32־יאָהריגע פייגע קערש (גלובנע 49), וועלכע אַרבייט אין זילבערשטיינס פאַבריק אויף נאַרוטאָוויטשאַ 83 האָט נעכטען ביי דער אַרבייט מחמת אומפאָרזיכטיגקייט אַריינגערוקט אַ האַנד אין דער מאַשין.

עטליכע פינגער זענען איהר אינגאַנצן צושמעטערט געוואָרן.

(א) אין סטאָלאַרקעס אַפּאַראַט האָט זיך פערגיפטעט מיט כלאָר־גאַז דער אַרבייטער מאָטעס זייער (גלובנאַ 54).

מ'האָט זיי ביידע אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

קאָנצערט פון גרשון סיראָטאַ אין לאָדז

מיטוואָך, דעם 10־טען ד. ח קומט פאָר אין פּאַרק העלענאָוו איין איינציגער רעליגיעזער קאָנצערט פון'ם וועלט־בעריהמטען אָבערקאַנטאָר גרשון סיראָטאַ. אין פּראָגראַם די נייעסטע חזנישע קאָמפּאָזיציעס און אויך אַריעס פון פערשידענע אָפּעראָס. עס בעטייליגט זיך אויך אין קאָנצערט די בעריהמטע סאָפּראַן־זינגערין, די טאָכטער פון גרויסען קינסטלער פר. העלענאַ סיראָטאַ.

ביים קלאַוויר דער טאַלאַנטפולער שפּילער נפתלי סיראָטאַ.

מיכאַלעסקאָ'ס טריומף אין פילהאַרמאָניע

די גאַסטשפּילען פון מיכאַלעסקאָ זענען אַ דורך מיט ערפאָלג, דער זאַל איז געווען שבת ביי ביידע פאָרשטעלונגען איבערפולט, די אָפּערעטקע „דער לעצטער טאַנץ" מיט מיכאל מיכאַלעסקאָ אין דער הויפּט ראָל צוזאַמען מיט דער פּרימאַדאָנע בעטי סימענאָוו ווערט היינט ווידערהאָלט.

צו דער אויפפרישונג פון בלוט

טרינקט עטליכע טעג דורכאַנאַנד פריהמאָרגענס אַ גלאָז מאַרזיליך ביטערוואַסער

Franciszka Józefa

רעקאָמענדירט פון דאָקטוירים.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אַלטוואַרג־שוסטער

נעכטען איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער סעקציע אַלטוואַרג־שוסטער ביים צענטראַלען קליינהענדלער־פעראיין פּאָמאָרסקאַ 15. די פערזאַמלונג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ה' קאַוועבלום. ס'זענען אַרומגערעדט געוואָרן אַ רייה אַקטועלע פראַגען און ס'איז אויסגעוועהלט געוואָרן פאָלגענדע פערוואַלטונג: קאַוועבלום, האָפּענבערג, פּאַרענגראָוויטש, זאַלצשטיין, בינם אַבראַמאָוויטש.

רעוויזיר־קאָמיסיע: אברהם אבראַמאָוויטש, שימקעוויטש, צעגאַל.

קאַנדידאַטען: מאָשקאָוויטש און ליבערמאַן.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

זונטאָג, ד. 6 אויגוסט 1933

9,55 גאָטעס־דינסט, 11,57 ציימסיגנאַל, 12,05 טאָג־פּראָגראַם, 12,10 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט, 12,15 מוזיקאַלישער פריהמאָרגען, 1,45 טראַנסמיסיע פון די אינטערנאַציאָנאַלע מאָטאָציקלען־נעיעגען, 2,10 פאָרלעזונג, 3,05 פאָלקס־לידער, 4,00 פאַר יוגענד, 4,15 פאָרטראָג, 4,30 פינאַל פון די מאָטאָציקלען־געיעגען, 4,55 געזאַנג, 5.25 פאָרלעזונג, 5.45 קאָנצערט, 6,10 טראַנסמיסיע פון אינטערנאַציאָנאַלען טעניס־מעטש „פּוילען־איטאַליען", 6,35 קאָנצערט, 7,20 פערשידענעס, 7,35 ספּאָרט, 7.40 פאָסטקאָסטעל, 8,00 געזאַנג, 8,20 וויאָלינטשעל־קאָנצערט, 8,50 אָווענד־נייעס' 9,00 לעגיאָנען־פייערונג, 9,30 פון לעמבערג, 10,25 ספּאָרט, 10,40 קאָמוניקאַטען, 10,45 טאַנץ מוזיק.

* * *

אויסלאַנד

11,00 וויען – קאָנצערט, 4,00 קעניגסוואוס־טערהאוזען – אָפּערע, 8,30 רוים – אָפּערע, 8,30 וויען — אָפּערע, 9.05 דאַווענטרי – קאָנצערט.

מעלדונג

אכטונג, עמיגראַנטען!

די ביוראָ פון „יעאס" איז געוואָרן איבערגעטראָגען פון פּאָלודניאָווא 4 אויף גדאַנסקאַ 40, רעכטע אָפיצינע 1 שטאָק.

די ביוראָ איז טעטיג פון 10–2 ביי־טאָג.

Dr. med.

H. Różaner

הויט, וועגערישע קראַנקהייטן און מענער־שוואַכקייט

NARUTOWICZA 9, tel. 128-98.

צוריקגעקעהרט.

עמפּפאַנגט פון 8–10 און פון 5–8 אָוו.

כעמיש־באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריום

פּ. שאַץ

לאָדז, פּעטריקאָווער 37.

טעל. 230-85

פיהרט דורך זעמטליכע ערצטליכע אַנאַליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע א.א.

טעלעגראַמען

שטענדיגע פּאָליציי־וואַך אויף די עסטרייכישע הויכשולען

וויען (י.ט.א.) דער זיכערהייטס־מיניסטער מאַיאָר פיי שיילט מיט, אַז נאָכ'ן עפענען די הויכשולען אין הערבסט וועט אויף יעדער הויכשול איינגעריכטעט ווערען אַ שטענדיגע פּאָליציי־וואַך, כדי אָפּצוהיטען די פולסטע רוה און אָרדנונג. עס וועלען אין קיין פאַל נישט געדולדעט ווערען קיין עקסצעסען. מיט אַלע מלוכה'שע כוחות וועט דערשטיקט ווערען אַ יעדע אַקציע, און וועלכער נישט איז פּרוב צו פערשוועכען עסטרייכ'ס כבוד אין אויסלאַנד. דער ניי־געוועהלטער רעקטאָר פון ווינער אוניווערזיטעט (אַ קאַטוילישער טעאָלאָג) האָט פערשפּראָכען מיטצואַרבייטען מיט דער רעגירונג ביים זיכערען די אָרדנונג און שטודיום־רוה.

ווי די י.ט.א. דערוויסט זיך, האָט די רעגירונג איצט אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען געגען די רוה־שטערער אויף די הויכשולען, ווייל אין פאָריגען יאָהר זענען צוליב די אַנטיסעמיטישע אונרוהען אויף די מעהרסטע הויכשולען אין ווין כמעט נישט געהאַלטען געוואָרן קיין פאָרלעזונגען און צום טייל אויך נישט קיין עקזאַמענס. דאָס האָט געבראַכט אַ פינאַנציעלען און מאָראַלישען שאָדען די ווינער הויכשולען, וועלכע די פּראָרימטע מלוכה קען נישט מעהר אַליין אויסהאַלטען, חוץ דעם פעלט דער ווינער בעפעלקערונג אַ גרויסע עקאָנאָמישע הכנסה פון די אויסלענדישע סטודענטען פאַר דירות, קליידער און לעבען. אויך די רעגירונג פערלירט דערדורך פיל אויסלענדישע וואַלוטע.

„עמיקאַ" — אַ נייע געזעלשאַפט

צו שטיצען די יודישע קאָלאָניזאַציע אין א"י

לאָנדאָן (י.ט.א.) דאָ איז געגרינדעט געוואָרען אַ נייע געזעלשאַפט א. נ. „עמיקאַ", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטיצען די איינוואַנדערונג און קאָלאָניזירונג פון אָרימע, נויטבעדערפטיגע יודען אין א"י.

אין פערוואַלטונגס־ראַט פון דער נייער געזעלשאַפט זענען אַריין: סער לעאָנאַרד קאָהען (פּרעזידענט פון י.ק.א.), פעליקס וואַרבורג, ד"ר אביגדור גאָלדסמיד, סימאָן מאַרקס, יוליוס סימאָן, בערנאַרד פלעקסנער, דר. יוליוס בלאַו (פראַנקפורט) און דר. אַלפרעד קלעע – וויצע - פּרעזיצער פון פערבאַנד פון יודישע קהלות אין פּרייסען.

די ה"ה פעליקס וואַרבורג, בערנאַרד פלעקסנער, סימאָן מאַרקס און יוליוס סימאָן געהערען צו דער מיטגלידער - גרופּע א. ווייטערע מיטגלידער פון דער גרופּע וועלען בעשטימט ווערען דורכ'ן „פּאַלעסטיין טרעסט פאָנד".

די מיטגלידער־גרופּע „ב" בעשטעהט פון פּערזאָנען, וועלכע ווערען בעשטימט דורך דער י.ק.א.

ענטדעקט מיסברויכען

אין די האַנדעלס־אָרגאַניזאַציעס אין אָדעס

מאָסקווע (י.ט.א.) גרויסע מיסברויכען זענען אין משך פון דער פּאַרטיי רייניגונג ענטדעקט געוואָרען אין די אָדעסער האַנדעלס אָרגאַניזאַציעס „אָדעסטאָרג" און אין „טאָרגסין". די מיסברויכען און פערשווענדונגען שטייגען איבער אַ מיליאָן רובעל. אין די מיסברויכען און פערשווענדונגען האָבען זיך בעטייליגט פּאַרטייאישע און אונפּאַרטייאישע אָנגעשטעלטע, דערונטער אַ גרויסע צאָהל יודען. די גרעסטע טייל ווערט אַראָפּגענומען פון דער אַרבייט און צוגעצויגען צו גערוכטליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט.

רעקטאָר י. ל. מאַגנעס אין בערלין

בערלין (יט"א) דער רעקטאָר פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט י. ל. מאַגנעס איז געקומען קיין דייטשלאַנד אויף אַ קורצען בעזוך אין די אינטערעסען פון העברעאישען אוניווערזיטעט.

מען האַנדעלט זיך וועגען פּרייז

פון דער מזרח־כינעזישער באַהן־ליניע

פּאַריז, 5 (ספּ. טעל.)

„טאַן" איז מודיע פון טאָקיאָ, אַז דער ראַטען פערבאַנד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פּרייז, וואָס ער פאָדערט פאַר דער מזרח־כינעזישער באַהן־ליניע. אנשטאָט 250 מיליאָן גאָלד־רובל פאָדערט ער איצט 200 מיליאָן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ראַטען־פערבאַנד האָט אָבגעלאָזט 20 פּראָצענט, איז דער אונטערשיד צום פּרייז, וויפיעל מאַנדזשוריע זאָגט צו צו געבען אזא גרויסער, אַז עס איז זעהר ווייט פון אַן אויסגלייך.

האָלענדישע אַרבייטער ווילען נישט אויסלאָדענען קיין שיף

ווייל אויף איהר האָט געפלאַטערט אַ פאָהן מיט אַ האַקענקרייץ

אַמסטערדאַם, 5 (ספּ. טעל.)

אהער איז אָנגעקומען די דייטשע שיף „פּריגאַ" צוליב דעם, וואָס אויף דער שיף איז געהאָנגען אַ האַקען קרייץ־פאָן האָבען די אַרבייטער זיך ענטזאָגט אויסצולאָדענען די שיף. דער קאַפּיטאַן איז געצוואונגען געווען אַראָפּצונעמען די פאָהן.

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

(ענדע פון דער 6־טער זייט)

אַרבייטער ווילען אויף די אַלטע בעדינגונגען נישט צוריקגיין.

מיליטער־שטייער

מיליטער־שטייער זענען מחויב צו צאָהלען בעפרייטע פון מיליטער־דינסט לויט די קאַטעגאָריעס B, C און E אַלץ איינס, צי זיי זענען קוואַליפיצירט געוואָרען באַלד אויף דער פּאָבאָר־קאָמיסיע אָדער האָבען בעקומען די דאָזיגע קאַטעגאָריעס שוין בעת'ן דינען אין מיליטער און אויך אומאָפּהענגיג פון דער צייט, ווי לאַנג זיי האָבען אָבגעדינט ביז זיי האָבען בעקומען די דערמאָנטע קאַטעגאָריעס.

בלויז בנוגע דער קאַט. E ווערט דאָס געזעץ פאַר אַן אויסנאַהם. אויב זיי האָבען בעקומען די קאַט. E צוליב אַ סיבה, וואָס איז אַ דירעקטער פועל יוצא פון מיליטער־דינסט און האָבען שוין אָבגעדינט מינדעסטענס 5 חדשים, צאָהלען זיי נישט קיין מיליטער־שטייער.

אָנגעקלאַגטע און אַפּעלאַציע

אויב דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט אָבגעשאַפט דעם אורטייל לגבי אַן אָנגעקלאָגטען, הגם די איבעריגע מיטפאַר'משפּט'ע האָבען קיין אַפּעלאַציע נישט דעקלאַרירט, קוים גילטען אָבער לגבי די מיטפאַר־משפּט'ע די זעלבע אורזאַכען, ווערען זיי אַלע בעפרייט.

פעראַנטוואָרטליכקייט פון מינדער־יעהריגע פערברעכער

אויב אַ מינדערי־יעהריגער יונגער פון 13 יאָהר בעגעהט אַ פערברעכען ווערט נעגען איהם נישט אָנגעוואַנדען קיין שטראַף, אומאָבהענגיג צי דער בעגאַנגענער פערברעכען געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון אַזוי בערופענע וויקראָשטשניס אָדער וויסטעמפּקעס.

פון דעם גיהנם וועט קיינער נישט אַרויס לעבעדיג

בריף פון אַ געפאַנגענעם אין אַ דייטשען קאָנצענטראַציע־לאַגער

פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד האָט אַ געפאַנגענער אויף אומוועגען איבערגעשיקט צו זייערע אַ פריינט אין ענגלאַנד דעם ווייטער קומענדיגען בריף, וועלכער איז געוואָרען פערעפענטליכט אין „מאַנטשעסטער גאַרדיען". דער בריף לייענט זיך אַזוי:

ליבער חבר! איך שרייב אייך די שורות געהיים, דורך אַ פריינט. אויב די נאַציס וועלען מיך כאַפּען ביים שרייבען, וועלען זיי מיר די באַנז צעבּרעכען, ווי זיי האָבען דאָ נישט לאַנג געטאָן מיט'ן גרויסען אַלטען נ. אָבער זאָל זיין וואָס עס וויל, זאָלען זיי מיך אומברענגען, ווי זיי האָבען אומגעבראַכט אַנדערע — וועט לפּחות זיין אַ סוף צו די צרות.

מיר זענען דאָ איבער 400 געפאַנגענע. די מעהרהייט איז שוין דאָ העכער 3 חדשים. מען דערלויבט נישט שרייבען קיין בריף און נישט זעהען זיך מיט אייגענע. נ. ג. האָט נישט לאַנג געבעטען אַ דערלויבניש צו בעזוכען זיין אַלטע מוטער, וועלכע ליגט אויפ'ן טויטען־בעט, האָט ער בעקומען אַ ענטפער פונ'ם אויפזעהער: „האַלט ס'מויל, אַנדערש קריגסטו אַ קויל אין בויך אַריין".

מיר שלאָפען 120 מאַן אין אַ גרויסען זאַל; די איבעריגע זענען פערשפּאַרט אין שטאַל און אין די וואַש־צימערן. עס איז אַ מוראדיג קאַלטער לאָקאַל, אויסהייצען קאָנען מיר נישט, און עס ציהט שרעקליך. אין קעלער געפינען זיך 4 קאַמערען, וועלכע ווערען יעדען טאָג געממיתט. מיר הערען, ווי זיי שרייען פון ווייטאָג.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז א. דערשאָסען געוואָרען, בעת ער האָט כלומרשט געוואָלט אַנטלויפען. אין דער אמת'ן האָבען די געמיינע היטלעריסטען איהם דערמאָרדעט פאַר אַ שום גרינגע. ער האָט געהאַט גראַד אַ פּערזענליכען פּיינט צווישען די שטורמיסטען און יענער האָט איהם דערשאָסען.

יעדען טאָג מוזען מיר דריי שעה מאַכען איבונגען. אין דער פריה און אין אָווענט — צערעמאָניעס מיט „הייל היטלער". ווייל עמיץ נישט מיטשרייען, ווערט ער שרעקליך געקאַטעוועט! מאָרגען דאַרף מען ברענגען אַ נייע מתנה געפאַנגענע, ס'רוב יודען און קאַטאָליקען.

די יודען אין דער אומגעגענט שטאַרבען אַלע פון הונגער — די פּויערען ווילען זיי נישט פערקויפען קיין לעבענס־מיטעל. ווער עס וואָגט צו קויפען עפּעס אין אַ יודיש געשעפט, בעקומט אַ פּסק פון די שטורמיסטען.

מיט עטליכע טעג צוריק האָבען מיר געהאַט געסט אין לאַגער, דער אויפזעהער האָט אונז פריהער געזאָגט, אַז ווער ס'וועט וואַגען צו קלאָגען זיך פאַר די געסט, וועט בעקומען אַ פּסק. פערשטייט זיך, אַז קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט אַ וואָרט צו זאָגען, און די געסט זענען אַוועק צופרידענע. אַ שאָד, וואָס די חשובע הערען האָבען נישט געזעהן דעם קעלער און די פּייניגונג־קאַמער ווי געפאַנגענע ליגען געבונדענע אויף אַ באַנק און מען שלאָגט זיי, ביז זיי פערלירען דעם בעוואוסטזיין.

די גרעסטע בעסטיע דאָ איז מ. נ. ער שלאָגט די געפאַנגענע מיט אַ בייטש איבער'ן געזיכט, דראָהט תמיד מיט דעם רעוואָלווער. „מען וועט אייך אַלע צום וואַנטעל שטעלען" — איז זיין געוועהנליכער נוסח רעדען. מיר לעבען דאָ אַלע אין גרעסטער אַנגסט און צאַרג. קיינער איז נישט זיכער, אַז ער וועט דעם מאָרגענדיגען טאָג דערלעבען, קיינער העלפט אונז נישט, אפשר קאָנט איהר שרייבען צו דער פעלקער־ליגע, מען זאָל אַראָפּשיקען אַהער אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע? דאָס לעבען איז דאָ ערגער, ווי אין סיביר. אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, ווי ביז איצט, וועט קיינער נישט אַרויס לעבעדיג פון דעם גיהנום.

קלאנג-קינא **CAPITOL**

היינט און פאלג. טעג!! מעכטיגע פרעמיערע פון סופערפילם פון Metro Godwyn Mayer

„פארוואס האב איך געזינדיגט“

מעכטיגע לעבענס-דראמע מיט דער פרעכטיגער טראגיקערין Helena Heyes אין דער הויפטראלע. אין די איבריגע ראלען: Neil Hamilton, Jean Herscholt

אויסער'ן פראגראם: קלאנג-צוגאבע און אסטואליטעטען. דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט און געקיהלט. אנהייב אין געוו. טעג 5 נאכמ., שבת און זונטאג 2 בייטאג.

NOWOCZESNE ZAWODOWE **KURSY** Kroju, modelowania i szycia damskiego i dziecinnego koncesjonowane przez Ministerstwo W. R. i P. Długoletniej instruktorki T-wa „Praca“ w Łodzi, dyplomowanej mistrzyni Izby Rzemieślniczej

Liny Kaufman
Łódź, Narutowicza 49, tel. 287-23

Kancelarja czynna od g. 9 r. do 19 p.p. Po ukończeniu kursu wydaje się dyplomy. CENY PRZYSTĘPNE.

Dr. med.
N. GOLDBLUM
przeprowadził się
na ul. Piotrkowską 85
tel. 106-79

Lekarz-Dentysta
Jakób Karmazyn
2 Południowa 2
צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 9—1 און פון 3—7 נאכמ.

„PRACA“
פראפעסיאנעלע קורסען פאר פרויען
ביי דער געזעלשאפט צו פערשפרייטען פראפעסיאנעלע ארבייט צווישען יודישע פרויען אין לאדז, וואלטשאנסקא 21, טעל. 167-15
נעמט אן איינשרייבונגען אויף פאלג. פאכען:
1) נוצליכע קונסט-ארבייט-שטיקעריי
2) דאמען-שניידעריי – צושניידען
3) גארסעטען – צושניידען
4) הוט-פוצעריי
5) וועש – צושניידען
6) אנדולאציע, 7) מאניקיר.
דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 15 אויגוסט פון 10 ביז 1 נאכמ.

קליינע אנאנסען! 1 זלאטי אנאנס ביז 15 הונדערטער

פרייע פאסטענס
ס'ווערט געזוכט א קוואליפיצירטער נייהער ביים שמפער בזשעזשינער 18.
4061

קוואליפיצירטע געזעלען און האנד-נייהערינס זאפארט זיך צו מעלדען צו דאמען-מאגאזין-ארבייט. ל. שלאמאוויטש, זגערזשער 14.
4007

הויף און פערקויף
געלעגענהייטס-קויף! 1 קרעדענס, 1 טיש, 6 שטיהל דעמבאווע אין בעסטען צושטאנד ביליג צו פערקויפען. זאקאנטנא 21, אפיצינע, וו. 20.

לאקאלען
Mieszkania różne, lokale parterowe na fabryczkę, garaż, suche piwnice, do wynajęcia, Południowa 28. 4059

איבערצוגעבען א געוועלב מיט אלע איינריכטונגען צוזאמען מיט א וואוינונג צו ערפאהרען אויפ'ן ארט פיעטריק 12.

פערשידענעס
מאטארען עלעקטרישע נייע און גענוצטע געלעגענהייטליך. ביליגסטע קוועלע. אויסבעסערונג, איבערוויקלונג פון מאטארען, דרעקסלען פאנעוועקס, אויסארבייטונג פון אויפרודערער, קאלעקטארען, עלעקטרישע אינסטאלאציעס
Inż. Reicher, Południowa 28, tel. 21-000. 4060

„SALVATOR“
דאס איז א בעריהמט הייל-מיטעל, וואס בעזייטיגט היגער-אויגען, נאגניאטקעס און גראבע הויט. גאנגבאר מיט די בעסטע רעזולטאטען שוין העכער 50 יאהר.
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאדעס-אפטעקעס. הויפט-סקלאד:
Warszawa, Waliców „SALBOR“

א לאנגיעהריגער
מיליטער-בעאמטער
ערטיילט אייך עצות און אנווייזונגען פאר צוריקגעקומענע פון אויסלאנד וועלכע האבען צ"יב וועלכע עס אין סיבות נישט דורכגעמאכט דאס מיליטער-דינסט. :–: ספעציאליסט אין שרייבען פון ביטעס פאר
אלערלייע שפיצעס
ב. מאן 10 פיעטריקאווער

אכטונג!
געגען שווייס פון די פיס
טויזענטער מענשען האבען זיך שוין איין בערצייגט, אז פאר א פאר גראשען בעגען שווייס פון די פיס. אויך צו אדטשיסקעס, ווי אויך א גוט מיטעל צו וואנצען פאר א פאר גראשען א פלעשעל.
געדענקט גוט דעם אדרעס: סטארי-רינעק 1 № ביים צייטונגס-פערקויפער
וועלניארזש.
היט אייך פאר נאכגעמאכטע.
אויך פיעטריקאווער ראג צעגעלניאנע נעבען גאלאנטעריע-געוועלב ביים צייטונגס פערקויפער.

Dr. med.
M. JAKOBSON
כירורג
צוריקגעקעהרט
ulica D-ra Sterlinga 22 (Nowo-Targowa) tel. 174-42.

לעטשניצע
זגערזשער 17
נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטען
פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונט.
וויזיט 3 זל.

Okazja!
2 powozy, 1 furgon piek. na gumach, 1 resorka, 1 rolwaga nowa okazyjnie do sprzedania. Przyjmuje wszelkie roboty oraz kucie koni.
A. OSMOLSKI
Łódź, ul. Lipowa 39.

שוימלען!
צו בעקומען
קערש,
סמווראווא 15

Gimnazjum Męskie z prawami gimnazjów państwowych
6-klasowa **Szkoła Powszechna**
Towarzystwa Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów w Łodzi
POMORSKA 46/48, telefon 106-64.
עס ווערען אנגענומען שילער צום נייעם שול-יאהר.
די פרייזען אין גימנאזיום ווערען ערמעסיגט.
אין דער פאלקס-שולע איז דער שכר-לימוד 15 זל. א חודש.
איינשרייבונגען נעמט אן די שול-קאנצעלאריע פאמארסקא 46 טעגליך (אויסער שבת) פון 9 ביז 2 מיטאג.
4029

דער גוט-בעקאנטער קינסטלערישער פאטאגראפישער אטעליר
„Polonja“
11 יערזשעגא 11
(שפעטער פון'ן פרעמראי 3)
פיהרט אויס די בעסטע קונסט-לערישע אויפנאהמען צו
פערקלענערטע פרייזען!
פון עכטונג
„POLONJA“
11 Jerzego 11
wł. GUTERMAN.

ווערקשטעל **שירמס** פון און שפאציר-שטעקענס
ס. פייגענבוים
לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ-פרייזען.
נעהמט אן אלערליי רעפאראטורען פון שירמס און שטעקענס.

גאנץ לאדז גיט צו רייניגען.
וואשען און פארבען אין די בעקאנטע אין לאדז
כעמישע וועשעריי פון **F. ROZENBERG**
Łódź, Pomorska 7 i Piotrkowska 36
פערקלענערטע פרייזען! TEL. 167-49
אויספרישען און פרעסען א גארניטור 1.75 זל. הויזען 90 גר. פאלטען 1.30 זל. עס ווערט בעזייטיגט דער גלאנץ פון דער גארדעראבע מיט א נאך ביז איצט נישט בעקאנט כעמיש מיטעל.
פאשען א קאלנער 20 גר. א העמד 80 גר. קומט און איבערצייגט אייך!

פייער און **גנבות**
פערזיכערונגען
אויף לייכטע בעדינגונגען ערלעדיגט שנעל און פינקטליך דאס בעקאנטע פערזיכערונגס-ביורא
שיינבערג,
פילסודסקיעגא 39, טעל. 129-04.
בעמערקונג: אגענטען ווערען אנגענומען. בעגען פראוויזיע און פעסטע געהאלט טעגליך פון 8—11 פארמיטאג.
3791

Dr. med.
B. ROBINSON
צוריקגעקעהרט
10 פיעטריקאווער 10
טעל. 131-86
נעמט אן פון 3—4 נאכמ. און 7—8 אוו.

Dr. med.
I. Rozenfeld
אויערן, נאז און האלז-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
8 זאוואדזקא 8, טעל. 241-53
נעהמט אן פון 2.30—4.30

קלעפסידרעס
צו זעהר ביליגע פרייזען
נעהמט אן די דרוקעריי פון
„נייעם פאלקסבלאט“
די קלעפסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט און פונאנדערגעקלעבט איבער שטאט.

לעטשניצע כראבראגא 4 רוג זגערזשער 87
נעהמט אן קראנקע פון אלע ספעציאליטעטען
וויזיט 3 זל.
מעגנעראלאגישער קאבינעט. 3371

כירורגישער קאבינעט
Dra med.
M. Kantora
איז געווארען איבערגעטראגען
אויף זשעלאנא 5
טעל. 112-22
נעהמט אן פון 1—3 און פון 6—8 אוו.
לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אוונט, זונטאג פון 10—1 בייטאג
עלעקטרא-גאלוואניזאציע.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזען

Dr. ALEXANDER **MARGOLIS**
אינערליכע קראנקהייטען.
ספעציאליטעט: מאגען און קישקעס
האט זיך איבערגעצויגען
אויף פושעיאזד 20, טעל. 112-31
נעהמט אן פון 5—6 נאכמיטאג. 3919

Dr. med. **NIEWIAŻSKI**
ספעציאליסט פאר סיפילים, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
צוריקגעקעהרט
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט'ס שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . . 60— . . . 4 .
זאבן טעקסט—12 . . . . . 18— . . .
אויסער דער שטאדט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט'ס שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען אין הויז. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

מאנוסקריפטען, וועלכע ווערען נישט גענוצט, ווערען נישט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז דער רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך. די ארדרעס איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman